STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04943

DI VEBER

Gerhart Hauptmann

Permanent preservation of this book was made possible by Judith H. Katz & David B. Levine

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

11630
25

פערלאג „די וועלט".

גערהארט האופטמאן.

די וועבער.

א דראמא אין פינף אקטען.

יודיש פון

א. א. בן־גור (פסעווד.).

ווילנא, דרוק פון י. פיראזשניקאוו.

Ткачи.

Драма въ пяти дѣйствіяхъ.

Соч. Георгарта Гауптмана.

Полный перев. съ нѣмецкаго Арона В. Гурвича (А. А. Бенъ-Гуръ).

Вильна, Типогр. И. I. Пирожникова Завальн. д. № 1147.

1906

אַללע רעכטע פֿאַר די אויפפיהרונג אויף דער יודישער סצע־
נע „די וועבער" פאַרבעהאַלטען.

פון איבערזעצער.

מײַן פֿאָטער

ראָבּערט האופּטמאַן

טראָג איך מײנע דיעזע דראַמאַ צו.

~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

װען איך טראָג דיר, ליעבער פֿאָטער, מײנע דיעזע דראַמאַ צו, שטאַמט עס הערוים פֿון די געפֿיהלען, װעלכע דו קענסט און װעלכע ניט דאָ איז דער אָרט צו צערגליעדערן זײ.

דײן ערצעהלונג װעגען זײדען, װעלכער איז אין די יונגע יאהרען װי אַנ׳אָרעמער װעבער, פּונקט װי די דאָ געשילדערטע, בײם װעב-שטוהל געזעסען, איז יענער בּליטה-קאָרן, פֿון װעלכער מײן גאַנץ דיעס לעבּענס-בּילד װאַקסט און שטאַמט. אויב זי טויג צום לעבּען, אָדער איז בּיז אין האַרץ הערײן דורך און דורך טרוכע, איז עס דאָך דאָס בּעסטע, װאס אַזאַ׳ן „אָרעמער מאַן װי האַמלעט״ איז, נאָר צו געבּען האָט.

דײן גערהארט
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

פערזאנען פון ערסט'ן אקט.

פאבריקאנטען גרופפע:

דרייססיגער א פאבריקאנט פון בארכענט

פפייפער עקספעדיטאר
נאומאן קאססיר
לעהרלינג
} ביי דרייססינער'ן.

וועבער גרופפע:

בעקקער
דער אלטער בוימערט
ריימאן
הייבער
ערסטער וועבער
ערסטע וועבערין
אנ'אלטער וועבער
איונגעל
אגעוויסע מאססע פון וועבער און וועבערינען.

ערשטער אקט.

אגראם געטינקעוועט גרויס אבגעפארבט צימער אין דרייססיגערס הויז אין פעטערס-וואלדאו, א רוים, וואו די וועבער ליפערן די פארטיגע סחורה אב. לינקס, פענסטער אהן גארדינען. אין דער הינטערסטער וואנד—א גלעזערנע טהיר רעכטס נאך אזא גלאז טהיר, דורך וועלכע וועבער, וועבער-פרויען און קינדער געהען הערייין און הערויס. לענג אויס פון דער רעכטען וואנד, וועלכע איז גרעסטענטיילס פארנומען מיט פאליצעס, פונקט ווי די איבעריגע וועגד און דורכאויס פערלעגט מיט בארבענט-נאנקען,—ציעהט זיך א באנק אויף וועלכער די הערייינגעקומענע וועבער לעגען פאנאנדער זייערע סחורה איינם נאכ׳אנאנדער רייהען-ווייז; זיי טרעטען הערויס איינציגווייז און לעגען פאר די סחורה נאכ׳ן מוסטער נאך צו בעקוקען.

עקספעדיטאר פפייפער שטעהט הינטער א גרויסען טיש, אויף וועלכען די וועבער לעגען די סחורה צו מוסטער אויס. ער בענוצט זיך צום דורכקוקען די סחורה מיט א צירקעל און א ספאקטיוו (א לופע). קוקטער א פארטיע דורך,-לעגט דער וועבער דאס געוואבענע אויפן וואג, און דער קאנטאר-לעהרלינג זעהט נאך די וואג, די אבגעוואויגענע סחורה רוקט דער זעלבער לעהרלינג אב צו די פאליצעס צו. דער עקספעדיטאר—פפייפער רופט יעדעס מאל לויט אויס די סומע, ווי פיעל עס בעטרעפט די אבגעוואויגענע סחורה, זיך ווענדענדיג צום קאסיר—נאומאן, וועלכער זיטצט ביי א קליין טישעל דערביי.

עס איז א דריקענדער הייסער טאג, ענדע מאי. דער זייגער בעווייזט צוועלף, דאס רוב וועבער, וואס הארען האבען אנ׳אויסזעהן, ווי אבגע׳משפט׳ע, וואס שטעהען אין געהאקטע וואנדען אוןווארטען, אז אט אט טראגט מען זיי הערויס דעם דעקרעט אויף טוידט אדער אויף לעבען.

הערום ווייעדער דריקט, ווי א בליי, א דערשלאגענהייט יעטוועדער איינציגען,— יענע דערשלאגענקייט, וואס הענגט ווי א פינסטערער אויסגוס אויף א ליאדע שלעפער, וועלכער דרעהט זיך אין דרייען פאר יעדערן, בויגט, ציעהט דען קאפ אליץ העראב און הערויס, שווייגט, שלעפט שטום דעם יאך זיינעם, פיהלענדיג אים ביטערן נסיון, אז ער איז נאר אזא מין זאך, וואס מען טראגט נאר געדולדיג איבער, ניט מעהר,-און ער געוואהנט זיך דעריבער קליין, קליין, אליץ קלייגער ווי נאר מעגליך זיך צו מאכען! שטאר קוקט יעדעס געזיכט הערום, און יעדער מינה פון יעטוועדער פנים, פון די שטעהענדע צוקט, בוויערט און גריבעלט נאר איין געדאנק און זאגט בולט הערויס: „פערפאלען, ניטא וואוהין זיך צו קעהרען“.
די מאנסביל-איין פנים, ווי דער אנדערער האבען אנ׳אויסזעהן ניט דאס פון

קארליקעס, ניט דאס פון אבגעמאגערטע מלמדים׳לאך. דאס רוב מיט אנ׳איינגעפאלענער ברוסט, הוסטען שווער, אבגעצעהרטע ארעמעלייט מיט שמוטציגע, בלאסע פנים׳ער. אמתע ברואים פון עלענד, שווערער ביטערער ארבייט פון וועבשטוהל, מיט, פון פיעל זיטצען, אויסגעבויגענע און צודרעהטע קניה; די ווייבער זייערע ווארפען זיך פון ערסטער מינוט אן ניט אזוי אין די אויגען: האבען א וועהניגער טיפיש-וועבערשע מראה. דאס זיינען אייביגע פאריאגטע, אבגעצעהרטע ברואים—א היפך פון די מאנסביל, אויף וועלכע עס שלאגט נאך יע עפעס א שיין אב פון א דארביג-קלאגענדיג קוראזש, וואס זאגט ווי הערוים: „איך בין יע עפעס וואס"—די ווייבער געהען ווי א האדער, אין טראנטעס יעדערע, וועהרענד מאנסביל זיינען נאך געוויסער מאסען-פערלאטעט. די יונגע מיידלאך זיינען ניט אהן חן. וואקס-בלייכע פנימער, צארטע פארמען, גרויסע בולטע ווייך-אומטיגע אויגען—איז כמעט אלעמען אייגען.

קאַססיר נאַומאַן: (געלד אויסצעהלענדיג) הײַסט׳ס קומט אייך זעכצעהן זילבערגראשען און צוויי פּפעניג.

ערסטע וועבערין: (א דרייסיג-יאהריגע, זעהר אבגעצעהרטע, שארט דאס געלד מיט ציטטערדיגע הענד) אַדאַנק.

נאַומאַן: נו?! שטימט עס, וויעדער עפּעס ניט וואס?

ערסטע וועבערין: (אויפגערעגט, מיט א געבעט-שטים) א פּאר פּפעניג אוואַנס וואָלט איך אזוי נעטהיג בעדאַרפט.

נאַומאַן: איך האָב אַ פּאָר הונדערט טהאלער נעטהיג, ווען עס געהט שוין אַ רייד פון „בעדאַרפען". (אויסצעהלענדיג געלד שוין אנדערע, אבגעהאקט) וועגען אוואַנסען האט דער העררר דרייסיגער נאר אַליין צו זאָגען.

ערסטע וועבערין: קאָן איך פיליײַכט מיט דעם העררן דרייססיגערן אַליין רעדען?

עקספּעדיטאָר פּפייפער: (אליין א געוועזענער וועבער, דער טיפּיש-וועבערשער פנים איז בלוט קענטיג, נור ער איז גוט אבגעקארמעט, אויסגעפוצט, גלאט אויסגעראזירט אויך א שטארקער טאבאק-שמעקער. ער רופט גראב אוים) דער הער דרייססיגער אַליין וואָלט געהאט אַ שעהן ביסעל וואס צו טאָהן, ווען ער וואָלט זיך מיט יעדער קליינינקײַט אַליין בעדאַרפט פאַרנעמען. אויף דערויף זײַנען מיר דאָ. (ער צירקעלט און קוקט מיט׳ם שפאקטיוו) נו אַ לעבען אַ ביסעל! אַ צוקווינד. (ער וויקעלט זיך מיט א דיקער שאל הערום האלז. מאַכט צו די טהיר, ווער געהט דאָרטען.

דער לעהרלינג: (הויך צו פּפייפּער׳ן) ווי צו די הינד! רעד צו זיי און רעד צו די וואַנד.

פֿפֿייפֿער: פֿאַרטיג!—אויפ'ן וואָג! (דער וועבער לעגט דאס געוואבענע אויפ'ן וואג) ס'וואָלט ניט שאָדען אין דער אַרבייט אַ ביסעלע מעהר זיך הערײַן צו לעגען. טרעפֿ ווידער:—אַ קנופּ אויף אַ קנופּ... איך קוק שוין צווישען די פֿינגער, אַ רעכטער וועבער דרעהט און מאַטעוועט אַ פּנים אַ פֿאָדים אַזוי לאַנג אָן.

בעקקער: (א יונגער געזונטער וועבער, קרעפֿטיגער פון אלע איבעריגע, האלט זיך פריי, ניט געצוואונגען, כמעט פרעך. פפייפער, נאומאַן און דער לעהרלינג ווארפען ביי זיין הערײנקומען א פיעל בעדייטענדען קוק איינער אויפ'ן אנדער'ן) אַ לעבען נו! שוויטץ ווי אַ ביבער ביז אין זיבענטען שווייס הערײַן.

ערסטער וועבער: (האלב הויך) אַ סימן אויף רעגען.

דער אַלטער בוימערט: (שפארט זיך דורך אין די גלעזערנע טהיר רעכטס. הינטער די טהיר זעהט זיך רייבענדיג זיך א זייט אן א זייט וועבער, וואס ווארטען. דער אלטער, צוהינקענדיג אויף פארינט צו, לעגט זיין פאק ניט ווייט פון בעקקער'ס. ער זעצט זיך דא דערביי, ווישט דעם שוויים פון געזיכט אב) אָט דאָס הייסט כשר פֿערדינט, מען מאָג אָברוהען.

בעקקער: אַ קווינט רוה — איז טײַערער ווי אַנ'אַכטעל גאָלד.

דער אַלטער בוימערט: אַנ'אַכטעל גאָלד, עך ס'וואָלט זײַן אַזוינס. אַ גוטען־מאָרגען אײַך בעקקער.

בעקקער: אַ בעסערן אײַך, זיידע, אונז וועט ווידער מן הסתם אויסקומען האַרען ביז אין דער צווייטער גאולה הערײַן.

ערסטער וועבער: דאָס איז פֿון די קלײנע זאַכען, אַ וועבער זאָל זיך דורכוואַרטען—אַ שעה צי אַ טאָג נאָכאַנאַנד. אַ וועבער איך מיר אַ זאַך—נאַ!

פֿפֿייפֿער: שטילער אַ ביסעל הינטען דאָרטען! מען הערט דאָך אַלײן ניט וואָס מען רעדט.

בעקקער: (מיט א לייזער [illegible]טים) הײַנט האָט איהם אַ פּנים ווידער אַ בייזע פֿליעג אַ ביס געטהאָן.

פֿפֿייפֿער: (צום אנטגעגען איהם שטעהענדען וועבער) ווי פֿיעל מאָל האָב איך מיט אײַך שוין געגורט: בעסער פּוטצען זאָלט איהר, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מיני שטיק, ווּעמען ווילט איהר דאָ „אויספּוטצען". וועמען? העננען שטיקער ווי מײַן פֿינגער די לייַנג, אין שטרוי, און אַלערלײַ טינוף.

וועבער רײַמאַן: האָט געזאָלט זײַן אַ דאָפּעלט־צווענגעל אַ נײַ.

לעהרלינג: (האט די וועבונג אבגעוואויגען) עס פעהלט צום וואג אויך.

פפייפער: (דאס געוואבענע אויף די וואג לעגענדיג) פון דעם זארט וועבער, וואס מען פרעגט זיך נאך אויף זיי. א שאדען יעדער קייטעל וואל, וואס מען גיט זיי, אנ'אמת'ה עברה. דאס האט בעדארפט זיין אין מיינע יאהרען, וואלט מיר שוין דער מייסטער געמאכט דעם גוטען סימן. דאמאלס איז געווען אנ'אנדער זאך אין דער ארבייט, דאמאלס האט געדארפט א וועבער וויסען וואס ער טהוט. היינטיגע צייטען איז דאס אנ'איבעריגע זאך ב"ה–ריימאן, צעהן זילבערגראשען.

וועבער ריימאן: א פונט געהט דאך העראב אויף אבפאל.

פפייפער: כ'האב ניט קיין צייט. א סוף פון די רייד–סלה! וואס ברענגט איהר?

וועבער הייבער: (לעגט זיין וועבעריי אין דער צייט, וויל פפייפער קוקט דורך מיט אלע אויגען די סחורה, געהט ער צו נאהענט, רעדט האלב הויך מיט היטץ איהם אין אויער הערייין) זיי וועלען מיר ענטשולדיגען, הער פפייפער, איך וואלט אייך בעסטענס בעטען אויב זיי וואלטען פיליכט און זיי וואלטען אזוי גוט זיין און מיר די טובה טאהן און לאזען דעם אוואנס מיר ניט אברע־כענען דאס מאל, היינט.

פפייפער: (מעסטענדיג מיט'ם ציערקעל און קוקענדיג דורכ'ן שפאקטיוו אויפ'ם הויכען קול). נו יעה! אודאי, ווער רעדט דא. דא איז א האלבער אוואנס ווידער מן הסתם הערייינגעכאפט געווארען, אויפ'ן הערייינגיסען הינטער'ן קאלנער ארייין אוועק.

וועבער הייבער: (דאס שטיק אויף די וואג הערויפלעגענדיג) איך וואלט עס יא גערן אויף די אנדער וואך אבגעטהאן, יענע וואך האב איך מעהר ניט, ווי צוויי גאלדערנע טעג אויף אבצאהלונגען אויסגעבראכט, א צולעג דערצו ליעגט מיינע נאך קראנק אין דער היים.

פפייפער: (דאס געוואבענע אויף די וואג לעגענדיג). וויע־דער פון די אמת'ע גוטע ארבייט, וואס מען פרעגט זיך נאך (דורכקוקענדיג א ניי שטיק'ל געוואבענע) א קראמקע: באלד ברייט, באלד שמאל, איין מאל האט'ם דאס שיפעל צוזאמען געריסען, ווער ווייסט ווי, דער נאך האט'ם ווידער ווי א שלענגעל פאנאנדערגעצויגען לייננ אוים! אויף א צאל, זיעבציג פאדים קוים הערייינגעוועבט. וואו איז די איבעריגע? וואו איז די רעעלקייט! געארבייט, א פנים דאס האט!

וועבער היבער: (שלינגט די טרערען. שטעהט הכנעהריג און הילפלאז).

בעקקער: (האלב הויך צו בוימערט'ן) אַ כברה, נאָך פֿאַדים איך צוקויפֿען אויפ'ן אייגענעם חשבון.

ערסטע וועבערין: (וועלכע איז אקארסט פון קאססע אבגעטראטען און זיך פון צייט צו צייט מיט שטארקע אויגען הערום קוקענדיג, איז נאך פון ארט ניט אבגעטראטען, מאכט זיך הארץ און ווענדעט זיך נאך אמאל מיט א געבעט צום קאססיר) איך קאָן באַלד אָבאַרבײַטען... איך ווײס גאָר ניט וואָס אָנהויבען.... טאָהן... אויב זײ וועלען מיר דאָס מאָל קײן אוואַנס ניט געבען... אָ, גאָטט, גאָטט.

פֿײפֿער: (גיט א געשריי) וואָס נאָך פֿאַר אַ־יעלה'ן, לאָז דעם הערען גאָטט צו רוה... איהר זײַט גאָר ניט אַזוי אין דער מורא פֿאַר גאָטט, פֿאַסט בעסער אייער מאַן אויף, אז מען זאָל איהם אַלע ווײַלע אין קרעטשמע בײַן פֿלעשעל דורכ'ן פֿענסטער ניט זעהן. מיר קאָנען קײן אוואַנסען געבען. מיר מוזען אַ רעכנונג מיט ביכער דאַרויף ווײַזען, ס'איז אויך ניט אונזערע געלד. פֿון אונז וועט עס דערנאָך געפֿאָדערט. ווער עס אַרבײַט מיט חשק און מיט גאָט אין האַרצען זײַן אַרבײַט מאַכט, דער דאַרף איבערהויפּט קײן מאָל קײן אוואַנסען ניט. אָבגעערעדט, אויס־סדרה!

נאַומאַן: זאָל אַ וועבער דאָ אין בילאו פֿיער מאָל אַזוי פֿיעל שכרות בעקומען, וועט ער פֿיער מאָל אַזוי פֿיעל פֿערזויפֿען און אַ צולעג נאָך הובות מאַכען דערצו.

ערסטע וועבערין. (הויך, פונקט ווי צום יושר פון אלעמען זיך קערענדיג) איך בין געוויס ניט פֿויל־און ס'איז מעהר ניט אַריבערצוטראָגען ווײַטער אַזוי. מיר האָט מען שוין צווײ מאָל אָבגערעכענט און מײַנעם איז ניטאָ וואָס צו רעכענען גאָר. ער איז שוין צווײ מאָל בײַן צערלויער פּאַסטוך געוועזען, אָבער דער קען איהם אויך פֿון זײַן פֿעהלער ניט העלפֿען און דאָ.. מיט גוואַלד קען מען דאָך דאָס ניט. מיר אַרבײַטען געוויס ווי פֿיעל ס' סטײַעט כחות. איך האָב ווי פֿיעל וואָכען קײן שלאָף אין די אויגען ניט געזעהן. און אַז ס'וועט בײַ אונז אַנדערס אַוועק, וועל איך וועל אַ ביסעל צו זיך קומען און די שוואַכקײַט פֿון די בײַנער הערויסיאָגען. אָבער זײ דאַרפֿען דאָך אַ ביסעל אײַנזעהענעם האָבען (מיט א חניפה אין א בעטלערישען קול) זײַנען זײ שוין דעם מאָהל אַזוי גוט און הײסען זײ מיר אַ פּאָר גראָשלעך אַ פֿריער אַרויסגעבען.

פּפייפּער: (זיך ניט אבקערענדיג פון זיינע ארבייט) פֿידלער עלף זילבערגראשען.

ערסטע וועבערין. אַ פּאָר גרעשלעך בלויז אויף ברויט. דער פּויער באָרגט נישט מעהר. מע האָט אַ שטוב מיט קינדער פֿול...

נאומאַן (האַלב׳הויך מיט א לצנות-ערנסט צווינגענדיג צום לעהרלינג) די לייווענד־וועבער קינדלען וואָס צום יאָהר, אַלע וואַלע, אַלע וואַלע, פּוּף, פּוּף, פּוּף.

דער לעהרלינג: (מיט דעם זעלבען ניגון צו נאומאנ׳ן) און דער קראָט איז 6 וואָכען בלינד (זומעט דעם זעלבען ניגון ביז צום סוף).

וועבער רייִמאַן: (ניט אנריהרענדיג דאס געלד, וואס דער קאסיר האט איהם אבגעצאהלט) מיר האָבען דאָך ביז איצטער שטענדיג דרייצענטהאַלבען פֿאַר אַ שטיק וועב באַקומען.

פּפייפֿער: (שרייט פון זיין ארט אויס העריבער צו) ווען עס פּאַסט אייך ניט, רייִמאַן, דאַרפֿט איהר נאָר איין וואָרט זאָגען. וועבער איז דאָ גענוג אַפּשיטא אַזוינע ווי איהר זייַנט, נאָר פֿאַר אַ פּולען געוויכט, קרוין־צאָהלט מען פולען לוין.

וועבער רייִמאַן: צום געוויכט פֿעהלט? ווי אַזאָ....

פּפייפֿער: ברענגט אַשטיקעל באַרכענט אָהן פֿעהלער׳ן — וועט אייך אין לוין אויך גאָרניט פֿעהלען.

וועבער רייִמאַן: דאָ זאָל דורכאוים חסרונות זייַן, קאָן דאָך דאָס אויך קיינמאָל ניט געמאָלט זייַן.

פּפייפֿער: (דורכקוקענדיג די וועבונג) ווער עס וועבט גוטער לעבט גוט.

וועבער הייבער: (בלייבט נאהענט שטעהן נעבען פפייפערן אום א גוטע מינוט צו דערחאפען, אויף פפייפערס ווערטעל אלאך געבענדיג, טרעט צו נעהענטער און פאנגט אן צו רעדען ווי צום ערשטען מאל) איך וואָלט אייך ווי אַ געפֿעליגקייט געבעטען, הער פּפייפֿער, ווען איהר וואָלט פֿילייכט אַזוי גוט און באַרימהערציג זייַן און מיר דעם אוואַנס אויף דעם מאָל ניט אָברעכענען, מייַן אַלטע שטעהט שוין פֿון „פּאָסט" אָן פֿון בעט ניט אויף, זי קען מעהר קייַן פֿאָדעם אַרבייַט ניט פֿאַרציהען. האָב איך אַ שפּולאַרקע געמוזט צודינגען און בעצאָהלען, דעריבער...

פּפייפֿער: (שמעקט טאבאק) הייבער, איהר זייַנט דאָ ניט איינער. ס׳וואַרטען נאָך און ווילען צוקומען.

וועבער ריימאַן: איך האָב אַזאַ'ן אָסנאָווע *) בעקומען אַזוי האָב איך איהר אָנגעצויגען און אַזוינע הערונטערגענומען איהר ווידער. אַ בעסערן פּאָדים ווי איך קריג, קאָן איך ניט ברענגען צוריק.

פּפייפער: פּאַסט אייך ניט, דאַרפט איהר מעהר די פּים זיך ניט אָבשלאָגען צו נעהמען אַזוינס. מיר האָבען גענוג אַזוינע, וואָס וועלען קיין שטיוועל ניט זשאַלעווען, און קומען פליעהענדיג,—אַבי אַרבעט נאָר!

נאַומאַן: (צו ריימאנען) הייסט'ס ווילט איהר דאָס געלד ניט נעהמען?

וועבער ריימאַן: איך קאָן מיר דורכאויס מיט אַזוינע געלד ניט בעגנוגענען, מיר קומט אויס מעהרער.

נאַומאַן: (מעהר זיך וועגען ריימאנ'ען ניט בעקימערענדיג)

הייבער: צעהן זילבערגראָשען. העראָב פּינף זילבער־גראָשען אַוואַנס. בלייבען פּינף זילבערגראָשען.

וועבער הייבער: (טרעט נאהענטער צו, זעהט דאס געלד אן, שטעהט, שאקעלט, מיט'ם קאפּ, פונקט ווי ער קאן זיך דאס גאר ניט גלויבען, שארט דאס געלד געלאסען בעל-הבתיש פון טיש צו זיך) אַ'נאָב, נו אַ גאָב! (מיט א זיפץ) נ—נו ה—העך, עך, עך,

דער אַלטער בוימערט: (הייבערן אין פנים הערייז) יעה' יעה פּראַנץ, דאָ קאָן מען זיך גוט אָנזיפּצען, און גענוג.

וועבער הייבער: (מיט מאטערנעם רעדענדיג) פּ-פּער־שטעהסטו. איך האָב נאָך מיין מאַד'ל קראַנק אין דער היים, אַוועקגעלעגט זעך. זי האָט בעדאַרפט האָץ א'לעפּעל רפואות האָבען.

דער אַלטער בוימערט: וואָס איז איהר אַזוינס?

וועבער הייבער: זי איז, פערשטעהסטו פון אייביג אָן געוועזן אַ ייבעל איך ווייס גאָר ניט... נאַ, דיר קאָן איך דאָס יאָ זאָגען:—זי איז דערמיט געבוירען געוואָרען. אַזוינע שלעכטע נעבליטהען, נו געהט עס איצטער הערויס און הערוים, דאָס ניט־ריינע.

דער אַלטער בוימערט: אומעטום איז עפּעס וואָס אַזוינס! וואו נאָר אָרעמקייט, דאָרטען קומט אַנ'אונגליק נאָך אַנ'אונגליק נאָכאַנאַנד. ניטאָ וואו און ווען זיך צו בעהאַלטען און באַשירמען פאַר דעם.

---

*) גרונד לאנגע—Werste

וועבער הייבער: וואָס האָסט דו דאָ אַזוינס אין טיכעל?

דער אַלטער בוימערט: אין דער היים איז שוין ביי אונז נאָר גלאַט,—פּוסט ווי אין אַ קלויסטער,—נו האָב איך געהייסען אונזער הינטעל קוילען. קיין גרויסער סך־הכל וועט פון איהם ניט זיין—אַ קליין הינטעל אין נאַנצען און אַ הונגעריגער אויך אַ'וואויל הינטעל געוועזען, אַליין דערשטעכען האָב איך ניט געקאָנט. ס'האָט מיר ד'האַרץ ניט צוגעלאָזען.

פּפייפער: (האט בעקקער'ס וועבונג דורכגעקוקט שרייט אויס) בעקקער, דריי־צענטהאַלב זילבערגראָשען.

בעקקער: דאָס איז אַ קרעטציגע נדבה, אָבער ניט קיין לוין,

פּפייפער: ווער עס האָט זיך אָבגערעכענט, זאָל געהן, דאָ איז זיך ניטאָ וואו אַ קעהר צו טאָהן אַליין.

בעקקער: (צו די הערומיגע מיט דערזועלבער שטים, ניט נידע־ריגער) דאָס איז אַ קרעטציגע נדבה, און נישט מעהר! ווער אויסגעריסען פון פריהמאָרגען ביז טיעף אין האַלבע נאַכט הערין. און איז מען אַבצעהן טעג איבער'ן וועבשטול אָבגעלעגען, דערשטיקט ווערענדיג אָבענד פאַר אָבענד דאָ פון פול, דאָ פון חיטץ—האָט מען אַ גליק פון דריי־צעהנטהאַלבען גראָשען אויסגע־טערכעט.

פּפייפער: דאָ לאָזט מען די מויל ניט פאַנאַנדער.

בעקקער: איהר וועט מיר נאָך לאַנג אַ שלאָס אויפ'ן מויל ניט אויפהענגען.

פּפייפער: (שפּרינגט אויף מיט א געשריי) נו, דאָס וועלען מיר נאָך זעהן (דורך די גלעזערנע טהיר אין קאנטאר הערייין רופט) העדר דרייססיכער, העדר דרייססיכער, זיי וועלען אַזוי גוט זיין.

דרייססיגער: (קומט הערייין, א יונגער 40 יאהריגער פעטער מאַן, ליידט מיט שווער אטהעם (אסטמא), מיט א שטרייננער מינה). וואָס—איז דען דאָ, פּפייפער?

פּפייפער: (פערביסען) בעקקער וויל די מויל ניט פערמאַכען.

דרייסיגער: (שטעלט זיך מיט א וויכטיגקייט אַן פערוואָרפט א חינטער דעם קאפף. קוקט בעקקער'ן שטריינג אן, צוקט מיט די נאזען־לעכער) אַך, זאָ,—בעקקער—(צו פפייפער'ן) איז דאָס דער...? (די דינענדע שאקלען אַ מיט'ן קאפף)

בעקקער: (פרעך) יאָ, יאָ, הערר דרײססינגער! (אויף זיך ווײזענדיג) דאָס איז דער (אויף דרײססיגער'ן ווײזענדיג) און דאָס איז דער.

דרײססינגער: (אויפגעפלאמט) וואָס ערלויבט זיך דען אט דער מענש.

פפײפער: ס'איז עם צו גוט—קריכט ער פון הויט! ער טאַנצט אַזוי לאַנג אויפ'ן גליטש ביז ער וועט זיך אמאָל—דער־טאַנצען...

בעקקער: (ווילד) אָ, דו האָלאַיק! האַלט דעם פיסק! די מאַמע דײַנע האָט זיך מן הסתם אויף אַ בעזעם רײַטענדיג, אין אַ לבנה-נאַכט מיט אַ'שד צוזאַמען געשמעקט און איז אַזאַ טײַוועל ווי דו הערוים.

דרײססינגער: (אין גרימצארן, ברילט) דאָס מויל האַלטען! דאָס מויל, די מינוט! ווען ניט... (ער ציטערט מאַכט א פאר שריט פארווערטס)

בעקקער: (ערציטערט, פעסט) איך בין ניט טויב, איך הער נאָך גוט.

דרײססינגער: (האלט זיך צוריק מיט כח, פרעגט מיט א געמאכטער, געשעפט'ס ערנסטער שטים) איז דער לײַט אויך דאַבײַ געוועזען?

פפײפער: דאָס איז דאָך אַ ביעלויער וועבער. זײַ זײַנען אומעטום דאָ—וואו נאָר אַ סקאַנדאַל.

דרײססינגער: (ציטערנדיג) זאָג איך אײַך אָט וואָס אָן: פאַסירט נאָך אַמאָל אַזוינס און קומען צו מיר נאָך איין מאָל אַזאַ ראָטע האַלבע שיכורים, אַזאַ באַנדע ניט-דע־באַקענע נפשות פערבײַ מײַן הויז הערײַבער, ווי נעכטען אָבענד מיט דער ניבול-פה'דיגער לידעל...

בעקקער: וועגען „נקמה פאַר בלוט" מײַנט איהר דאָס?

דרײססינגער: איהר וועט שוין וויסען וועלכע איך מײַן. איך זאָג אַלזאָ: הער איך דאָס נאָך אַ מאָל—הײַם איך אײַנעם פון אײַך האַפען,—און אויף עהרען-וואָרט, איך שפּאַס ניט,—איך גיב איהם דעם פּראָקוראָר איבער! און ווען איך בעקום הערוים וועמעס אַרבײַט דאָס ליעד איז...

בעקקער: דאָס איז אַ שײַן ליעד, דאָס...!

דרײססינגער: נאָך איין וואָרט—און איך שיק נאָך פּאָליצײַ—די מינוט. איך מאַך ניט קײַן שהיות. מיט אײַך שנעקעם וועט מען נאָך פאַרטיג ווערען. איך האָב נאַנץ אַנדערע מינים בעוויזען ווער עלטער איז.

בעקקער: דאָס, זעהט איהר, גלויב איך יע. אַזאַ ריבי־טינגער פֿאַבריקאַנט ווערט מיט צוויי־דריי הונדערט וועבער פֿאַר־טיג, אָדער מען בעווייזט זיך נאָך הערומצוזעהן. ער לאָזט אַפֿילו ניט אַ פּאָר פּוילע ביינדלעך איבער. אַזאַ'ן איינער האָט פֿיער מאָגענס, ווי אַ קוה, און ציינער, ווי אַ וואָלף. ניין, ניין—אַזוינס איז אַ שפּילכעל.

דרייסיגער: (צו די דינענדע) דער מענש בעקומט ניט איין פֿאָדעם אַרבייט ביי אונז מעהר.

בעקקער: אָ, אויב איך פֿאַל פֿון הונגער ביי'ם וועב־שטוהל אָדער אין אַ רינשטאָק—איז מיר אודאַי ניט אַלץ איינס, וואָס.

דרייסיגער: אַ' רוים די מינוט העראויס...

בעקקער: (פעסט) צוערסט וויל איך מיין לוין בעקומען.

דרייסיגער: וואָס בעקומט דער קערל, נייימאַן.

נאָומאַן: צוועלף זילבערגראָשען, פֿינף פּפֿעניג.

דרייסיגער: (נעהמט זעהר האסטיג דאס געלד ביים קאסיר אוןווארפט עס אויפ'ן טיש, אַזוי אז איניגע מטבעות פאלען הערונטער) דאָ—אָט—און נו גיך—מיר... פֿון די אויגען אַוועק!

בעקקער: צוערשט וויל איך מיין לוין האָבען.

דרייסיגער: דאָ ליעגט זיין לוין, און ווען ער געהט די מינוט ניט מיט גוטען... ס'איז פּונקט צוועלף... מיינע פֿאַרבער געהען גראָד איצט מיטאָג.

בעקקער: מיין לוין דאַרף מיר אין האַנד העריין געַ־געבען ווערען; אַהער אָט געהערט מיין לוין (ער בעווייזט מיט דעם פינגער פון זיין רעכטער האנד אין פלאך (לאדאָן) פון דער לינקער האנד).

דרייסיגער: (צום לעהרלינג) הויב עס אויף, טילגנער.

דער לעהרלינג: (טהוט עס, לעגט דאס געלד אין בעקקע'ר האנד).

בעקקער: עס מוז אַלץ לייטיש געמאַכט ווערען (ער לעגט זיך אהן הוילענים דאס געלד אין אַנ'אַלטען בייטעל העריין).

דרייסיגער: נו? (זעהענדיג ווי בעקקער קלייבט זיך נאך ניט הערויסצוגעהן; אונגעדולדיג) זאָל איך נאָך העלפֿען הערויס געהן?

(דער ענג צוזאמען געדרונגענער וועבערשער עולם גיעבט זיך ווי א ריתר איימיצער לאזט א לאנגען טיעפען זיפץ הערויס עס הערט זיך א פאל, אלע־מענס קעפ גיעבען זיך א קעהר צונ'ם ארט פון ס'ניי געשעהענע).

דרייסיגער: וואָס איז דען דאָרט אַזוינס?

פֿערשידענע וועבער און וועבערינען: „ס'איז איינער אַנידערגעפֿאַלען"—„ס'איז אַ קליין יונגעל עפּעס"—די פֿאַלינע. אָדער וואָס?!"

דרײַסיגער: יאַ... וואָס דען? אַנידערגעפֿאַלען (ער געהט צו נעהענטער).

אַן אַלטער וועבער: אַט ליגט ער דאָ (מען מאַכט אַן אָרט אויף דער ערד ליעגט כמעט טויטע אַ אינגעל פון אַ יאָהר אַכט).

דרײַסיגער: קען אימיצער דעם יונגעל?

דער אַלטער וועבער: פֿון אונזער דאָרף איז ער ניט.

דער אַלטער בוימערט: ער זעהט אויס ווי היינ־ריך׳ס (ער בעטראַכט איהם גענוי) יעה, יעה! דאָס איז היינריכ׳ס גוסטאַווי׳ל.

דרײַסיגער: וואו וואָהנען זיי?

דער אַלטער בוימערט: אויבען בײַ אונז אין קאַשבאַך דאָרטען, העד דרײַסיגער. ער געהט אום מיט מוזיק און בײַ טאָג ליעגט ער איבערן וועב־שטוהל, זיי האָבען נײַען קינדער און דער צעהנטער איז אונטערוועגס—האַלט בײַם הערויסנעהן.

פֿערשיעדענע וועבער און וועבערינען: „די מענשען געהט עס זעהר קלאָגעדיג״—עס רינט אין שטוב הערײַן גלײַך״—„דאָס ווײַב האָט ניט קײַן צוויי העמדלאַך פֿאַר די אַלע נײַן קינדער אין איינעם״.

דער אַלטער בוימערט: (אָננעהמענדיג דאָס יונגעל) נו, יונגעל, וואָס איז מיט דיר? שטעה׳זשע אויף, נו.

דרײַסיגער: נעהמט אָן מיט מיר, מיר וועל׳ן איהם אויפֿהייבען, אַ משוגעת וואָס איז ניט געהערט געוואָרען, אַזאַ שוואַך קינד לאָזען אַזאַ שטיק וועג געהן. ברענגט אַביסעל וואַסער, פֿײַפֿער.

וועבערין: (וואָס העלפֿט איהם אויפֿהויבען) מאַך אויך אויף צוקאַוועס די נעשעפּטען ניט יונגעל און שטאַרב ניט.

דרײַסיגער: אָדער קאָניאַק פֿײַפֿער, קאָניאַק איז בעסער.

בעקקער: (וועלכען קיינער קוקט שוין ניט, מיט דער האַנד אויף דער קליאַמקע טהיר ריגעל האַלטענדיג, רופֿט הויך לצנות־אַרטיג אויס) גיט איהם אַנו עפּעס וואָס צו פֿרעסען וועט ער שוין אַ צו זיך קומען.

דרײַסיגער: דער חברה מאַן וועט קײַן גוטען סוף ניט האָבען נעהמט איהם אונטער׳ס האַנד, נאַומאַן—פֿאַמעלאַך... פֿאַמעלאַך... אַזוי... אַזוי... מיר וועלען איהם אין מײַן צימער הערײַנטראָגען. וואָס איז מיט אײַך?

נײמאַן: ער האָט עפּעס געזאָגט, העד דרײַסיגער! ער שעפּטשעט מיט די ליפּען.

ד ר י ַ י ס ס ִ י ג ע ֶ ר: וואָס ווִילסט דו דען עֶפּעֶס, יונגעֶל?
ד ע ֶ ר י ו נ ג ע ֶ ל: (הויבּט הערויס) עֶסען ווּ-וויל איך.
ד ר י ַ י ס ס ִ י ג ע ֶ ר: (ווערט בלייך) מען פֿעֶרשטעֶהט נִיט וואָס עֶר רעֶדט.

ו ו ע ֶ ב ע ֶ ר ִ י ן: איך מיין, עֶר זאָגט...

ד ר י ַ י ס ס ִ י ג ע ֶ ר. מיר ווֶעלען שוין זעֶהן דאָרטעֶן, נאָר נִיט אויפֿגעֶהאַלטעֶן — עֶר קאָן זיך ביי מיר אויפ'ן סאָפֿאַ לעֶגעֶן. מיר ווֶעלען שוין הערעֶן וואָס דעֶר דאָקטאָר וועֶט זאָגעֶן.

(דרייססיגער, נייִמאַן און די וועֶבערין פֿיהרען דאָס יונגעל אין קאָנטאָר, צווישען די וועבער ווערט אַ טומעֶל ווי ביי חדר-יונגלעך, אַז דער רבי געֶהט אַרויס אויף אַ ווייל, מען שטופּט איינער דעם צווייטען, מען שטויסט, מען טרעט די פֿיס אָב איינער דעם אַנדער, און אין איינִיגע זעקונדען הע-רום האַלט דער עולם שוין אין איין שרייען).

ד ע ֶ ר אַ ל ט ע ֶ ר ב ו י מ ע ֶ ר ט: איך קלעֶר אַלץ, בעֶקקעֶר איז גערעֶכט.

מ ע ֶ ה ר ע ֶ ר ע ֶ ו ו ע ֶ ב ע ֶ ר א ו ן ו ו ע ֶ ב ע ֶ ר ִ י נ ע ֶ ן: „עֶר האָט'אָך אַזוי געֶזאָגט טאַקעֶ" — „דאָס איז נִישט קיין נייעֶס דאָ אַז אייִנעֶר פֿאַלט אַמאָל פֿון הונגער" — „איבעֶרהויפּט וואָס וועֶט דעֶר ווינטעֶר נאָך זאָגעֶן, ווען מען וועֶט דאָ אַזוי שטיקעֶן מיט'ן לוין" — „מיט קאַרטאָפֿעֶל וועֶט'ס הייִ'יאָהר זיין גאָר שלעֶכט", — „דאָ וועֶט דאָס בעֶסעֶר נִיט ווערעֶן, ביז מיר ווֶעלעֶן אַלעֶ נִיט לִיעגען מִיט'ן בויך הערויף".

ד ע ֶ ר אַ ל ט ע ֶ ר ב ו י מ ע ֶ ר ט: בעֶסעֶר פֿון אַלץ איז ווי דער וועֶבעֶר נעֶנטוויך האָט געֶטאָהן — אַ שטריקעֶל אַרום האַלז צום וועֶבעֶר שטוהל... און פֿעֶרצוינגעֶן, — נעֶם אַ שמעֶק טאַבאַק איך בִין געֶוועֶן אִין נייראָדעֶ, דאָרטעֶן אַרבייט מיין שוואָגעֶר אויפ'ן פֿאַבריק, וואו ס'ווערט שמעֶק-טאַבאַק געֶמאַכט. דעֶר האָט מיר אַ פּאָר קעֶרעֶנדלעֶך הערליין געֶשאָטעֶן אהעֶר; וואָס טראָגסט דו עֶפּעֶס וואָס אִין טִיכעֶל אַ שיינס?

ד ע ֶ ר אַ ל ט ע ֶ ר ו ו ע ֶ ב ע ֶ ר: אַ בִיסעֶל פּעֶרל'גרויפּעֶן נִיט מעֶהר. דעֶם אַלברִיך מִילנעֶר'ס וואָגעֶן איז פֿאָר מִיר פֿאָרבייגעֶ-פֿ הרעֶן. דאָרטעֶן איז געֶוועֶן אַ זאַק אַ בִיסעֶל צוריסעֶן, דאָס וועֶט מיר גוט צו-נִיטץ קומעֶן, מאָגסט גלויבעֶן.

ד ע ֶ ר אַ ל ט ע ֶ ר ב ו י מ ע ֶ ר ט: צוויי און צוואַנציג מיה-לעֶן זיינעֶן אִין פּעֶטעֶרס-וואַלדאו פֿאַראַן און אונז פֿאַלט אַפֿילו אַ פֿול פֿון אַ קאָרן אויך נִיט צו.

ד ע ֶ ר אַ ל ט ע ֶ ר ו ו ע ֶ ב ע ֶ ר: מעֶן טאָר אָבעֶר ביי זִיך נִיט פֿאַלעֶן, ס'קומט אויבִיג עֶפּעֶס וואָס און מעֶן דרעֶהט זיך ווִיע-דעֶר ווי ס'איז דורך.

ווּעֶבּעֶר הוּיִבּעֶר: מעֶן מוּז הײַסט'ס אַ הוּנגעֶריִגעֶר בּײַ פֿעֶרצעֶהן בּעלי־צדקות בּעֶטלעֶן, אוּן ווּעֶן מעֶן ווּעֶרט דאַפֿוּן ניִט זאַט, נעֶהמט מעֶן אַ בּרוּק־שטײן איִן מוּיל אוּן מעֶן זוּינט, יום־טוב, בּוּימעֶרט, האַ?

(דרייססיגער, פפייפער און דער קאססיר קומען צוריק).

דריַיסיִגעֶר: ס'איִז אַ קלײניִגקײַט, דעֶר יוּנגעֶל איִז שוּין וויִעדעֶר געֶקוּמעֶן צוּ זיִך (אויפגערעגט, פופט מיט'ן מויל, געהט אום) עֶס בּלײַבּט אָבּעֶר אֵייבּיִג אוּיפ'ם האַרצעֶן. דאָס קיִנד איִז וויִ אַ שטרעֶה שלאַף, אַ בּלאָז—אוּן געֶנוּג. ס'איִז ניִט צוּ בּעֶגרײַפֿעֶן וויִ מעֶנשעֶן, וויִ עֶלטעֶרן האָבּעֶן אַזוּי קײן שכל ניִט, לעֶגעֶן אָן אַ משא אוּיף איִהם אוּיף צוויי גאָרן דיִ הוּיך, טרײַבּעֶן איִהם גוּטעֶ אָנדעֶרטהאַלבּעֶן מײַלעֶן ווײַט. ס'לאָזט זיִך וויִרקליִך קוּים גלוּיבּעֶן. איִך ווּעֶל מוּזעֶן אֵיין מאָל פֿאַר אַלעֶ מאָל אײַנפֿיִהרעֶן, אַז פֿוּן קיִנדעֶר זאָל קײַן סחורה ניִט צוּגעֶנוּמעֶן ווּעֶרעֶן (ער געהט ווידער אום א ווײלע אהן ווערטער הין און צוריק) אַלעֶנפֿאַלס פֿעֶרלאַנג איִך דוּרכאוּיס, אַז אַזוינס זאָל מעֶהר ניִט פֿאָרקוּמעֶן. אוּן ווּעֶר בּלײַבּט סוף כל סוף דעֶר שוּלדיִגעֶר—נאַטיִרליִך דעֶר פֿאַבּריִקאַנט. מיִר זײַנעֶן אוּמעֶטוּם דיִ שוּלדיִגעֶ. ווּעֶן אַזוּי אַנ'אָריִם קיִנד וויִנטעֶר־צײַט, איִן אַ שנעֶע בּלײַבּט אוּן ווּעֶרט אַנשלאָפֿעֶן—קוּמט גלײַך שוּין צוּפֿליִהעֶן אַ סקריִפּאָנדעֶנט, איִן צוויי טעֶג האָבּעֶן מיִר אַ גוואַלדיִגעֶ היסתוריה איִן אַלעֶ צײַטוּנגעֶן פֿוּל. דעֶר פֿאָטעֶר, דיִ עֶלטעֶרן, וואָס שיִקעֶן אַזאַ קיִנד... נאָטט בּעֶהיִט, וויִ קוּמעֶן זיי צוּ זײַן שוּלדיִג, נאָר! דעֶר פֿאַבּריִקאַנט איִז שוּלדיִג. דעֶר פֿאַבּריִקאַנט איִז דעֶר שעיר לעזאזל... דעֶר ווּעֶבּעֶר איִז אַ קאָטיִנקעֶ, איִהם גלעֶט'ן מיִט'ם האָר העֶראָב, דעֶם פֿאַבּריִקאַנט—שיִסעֶן אוּן העֶנגעֶן ס'קנאַפּ: דאָס איִז אַ מעֶנש אָהן אַ האַרץ, אַ שטײן אַ געֶפֿעֶהרליִכעֶר חברה־מאַן, ווּעֶמעֶן יעֶדעֶר „בּאַדזיאַקעֶ" מעֶג רײַסעֶן אוּן בּײַסעֶן. עֶר לעֶבּט העֶרליִך אוּן איִן פֿרײדעֶן—אוּן וואַרפֿט דעֶם אָרעֶמעֶן ווּעֶבּעֶר קרײַנק צוּ. דאָס אַזוּי אַ מעֶנש קאָן אוּיך זאָרג האָבּעֶן, נעֶכט ניִט דעֶרשלאָפֿעֶן, דאָס עֶר נעֶהמט אוּיף זיִך אַזאַ בּאַרג—אַזאַ ריִזיִקעֶ—וועֶלכעֶר דעֶר אַרבּײטעֶר קאָן זיִך מאַנכעֶ מאָל אַפֿילוּ איִן חלום ניִט פֿאָרשטעֶלעֶן, דאָס עֶר ווײס צײַטעֶנווײַז ניִט פֿוּן בּלוּיז חלוּק'ן, חבור'ן אוּן כפֿל'ן, בּאַרעֶכעֶנעֶן אוּן וויִעדעֶר בּאַרעֶכעֶנעֶן וויִ דעֶר קאָפּף האַלט זיִך אוּיף איִהם, דאָס עֶר מוּז הוּנדעֶרט מאָל בּאַרעֶכעֶנעֶן אוּן בּעֶקלעֶרעֶן אוּן אֵייבּיִג, וויִ געֶזאָגט, אוּיף טוּיט אוּן לעֶבּעֶן ריִזיִקיִרעֶן אוּן קאָנקוּריִרעֶן, דאָס קײַן אֵיינציִגעֶר טאָג

געהט ניט אַוועק אָהן האַרצוועהטאָג און דערלעגען: וועגען דעם מאַכט דער הללויה-זינגער אַ שוויַיג. און וואָס הענגט זיך אָן פֿאַבריקאַנט ניט אָן, וואָס זוינגט זיך צו איהם ניט צו, אַלץ, אַלץ וויל פֿון איהם די יניקה ציהען....

ניין, ניין, איהר וואָלט פֿרואוון אין מיין הויט הערייַנ-קריכען וואָלט איהר די מינוט אָנגעהויבען שרייַען „מוהל" (נאך א קליין ערנסט קלערען) ווי האָט זיך דיזער חברה-מאַן בעקקער דאָ אויפֿגעפֿיהרט! איצט וועט ער געהן און בלאָזען תקיעות אומעטום: איך בין געוועזען ער ווייסט ווי שלעכט, וואו רחמנות ביי מיר. איך שליידער די וועבער פֿאַר יעדער קליינינקייט דורכ'ן טהיר דורך. איז דאָס אמת, בין איך דען אַזוי אָהן אַ האַרץ?

פֿילע שטימען: ניין, הער דרייססיכער.

דרייססיגער: מיר דוכט זיך אויך אַזוי. און צו דער צו „שליאָנדערען זיך" אָט די פֿלעקער דאָ הין און צוריק און זינגען זייערע פֿרעכע ליעדלעך איבער אונז פֿאַבריקאַנטען. פֿלאַפּפּערן וועגען הונגער דאָרטען און האָבען אַזוי פֿיעל איבעריגע, אַז עס קלעקט אויף עמערווייז בראַנפֿען אין זיך הערייַן צו גיסען. זאָלען זיי נאָר מיט'ן נאָז אַ שמעק דערלאַנגען דאָרטען ביי די לייוועַנד-וועבער און זעהען ווי גוט זיי דאָרטען איז. יענע קאָנען אָט זאָגען וואָס נויט הייסט. אָבער איהר דאָ, איהר באַרכענט-וועבער, איהר שטעהט אויף אַ שטאַנד, אַז איהר מאָגט גאָטט אין דער שטיל אַ לויב טאָג אין טאָג געבען. און איך פֿרעג די אַלטע אבית'ע און טיכטיגע וועבער וואָס זיינען דאָ: קען אַנ'אַרבייטער מיט העַנד, וואָס וויל אַרבייטען ביי מיר ניט געמאַטערטערהייד דורכלעבען, אָדער ניט?

זעהר פֿילע שטימען: יע, הער דרייססיכער.

דרייססיגער: נו, זעהט איהר! אַזאַ פֿויגעל ווי בעקקער כדרך הטבע ניט, אָבער איך גיעב אייך אַנ'עצה-האַלט דיזען חברה-מאַן אין צוויק; דערגעהט עס מיר צום כיין-איז אַ חשבון—און איך פֿערמאַך דאָס געשעפֿט. דאַן וועט איהר ערסט דערזעהן, ביי וואָס איהר וועט בלייבען, דאַן וועט איהר זעהן וואו איהר וועט אַרבייט בעקומען, ביי דעם פֿיינעם הער'ן בעקקער זיכער ניט.

ערסטע וועבערין: (צושאַרענדיג זיך צו דרייססיגער'ן פוצט מיט מיאוס'ער הכנעה די שטויב פון זיין ראק) זיי האָבען זיך אַ ביסעל איינגעשמוצט, טייערער הער דרייססיכער.

דריססינגער: די געשעפטען ליעגען אין ד'רערד. דאס ווייסט איהר אליין; איך לייג צו אנשטאט וואס איך דארף פערדיענען און אז איך פון דעסטוועגען זעה אז מיינע וועבער זאלען שטענדיג האבען ארבייט, רעכן איך, אז מען דארף דאס אין אכט נעהמען. די סחורה ליעגט מיר פארלעגערט אין טויזענדער קיפעס און איך וויים ניט אויב איך וועל זיי נאך א מאל קענען פערקויפען.—און איך האב געהערט אז אסך וועבער הערום און הערום זיינען אהן א שטיקעל ארבייט געבליבען און דא... נא, דאס איבעריגע מעג אייך שוין פפייפער אהן מיר ערקלערען...—די מעשה דערפון איז אזוי: אום איהר זאלט זעהן ווי גוט איז מיין מיינען אנטקעגען אייך... איך קען אייך נאטירליך קיין נדבות אויסטהיילען, אויף דערויף בין איך ניט גענוג רייך, אבער איך קען ביז א'געוויסען גראד די יענע וואס אהן ארבייט וועניגסטענ'ס א קלייניגקייט צו געבען פערדינען. דאס איך קריך דערביי מיט'ם קאפף אין א שרעקליכע ריזיקע, דאס איז שוין מיין זאך.—איך קלער אלענפאלס; ווען א מענש קען זיך אויפ'ן טאג אויף ברויט מיט קעז פערדינען, איז דאך אלץ בעסער ווי ער זאל איבערהויפט הונגער ליידען. בין איך ניט גערעכט?

פיעלע שטימען: יע, יע, העך דרייססיכער.

דריססינגער: איך בין אלזא גערן בערייט נאך צוויי הונדערט וועבער ארבייט צו געבען, אויף וועלכע קאנדיציעס וועט אייך פפייפער קלאר מאכען (ער וויל געהן).

ערסטע וועבערין: (פארשטעלט איהם דעם וועג. רעדט איבערהויפט מיט קלאג און געבעט) גוטער, העך דרייסיכער, טייערער איך וואלט אייך ווי א פריינד רחמים בעטען, ווען איהר פיליכט. מיר האט מען שוין היינט דעם צווייטען מאהל אבגערעכענט ביים ברייינגען די וועב

דריססינגער: (היילענדיג זיך) רעדט מיט פפייפער'ן, גוטע פרוי, איך האב מיר שוין אזוי אויך פערשפעטיגט (ער לאזט איהר שטעהן).

וועבער רימאן: (פערצוימט איהם אויך דעם וועג, מיט א קול פון קריינקונג און בעקלאגען זיך) העך דרייססינגער איך מוז זיך ווירקליך בעקלאגען. העך פפייפער האט מעך... איך האב דאך פיר מיינע וועבונג שטענדיג צוועלף מיט א האלב פאר א בעזימען בעקומען...

דריססינגער: (פאלט איהם אין די רייד הערייין) דארטען

זיטצט דער עקספעדיטאָר. אהין ווענדט זיך; דאָס איז די ריכ־טיגסטע אַדרעס, וואוהין איהר דאַרפט.

וועבער הייבער: (פערהאלט דרייססיגער'ן) גנעדיגער, העָר דרייססיגער (שטאמלענדיג מיט א צוטומעלט גיכקייט) איך וואָלט אייך פיעל מאָל גיטיגסט געבעטען אויב מיר פּילייכט און גע־קאָנט מיר... אויב מיר דער העָר פפייפער פילייכט געקאָנט... א געקאָנט...

דרייססיגער: וואָס ווילט איהר דען?

וועבער הייבער: דנ'אַוואַנס.-וואָס כ'האָב דעם לעטצ־טען מאָל... כ'מיין... אַזוי ווי איך...

דרייססיגער: יאַ, איך פערשטעה אייך ווירקליך ניט.

וועבער הייבער: איך בין געוועזן אין אַזאַ נויט. אין אַזאַ—ווייל...

דרייססיגער: פפייפער'ס עסק. דאָס געהערט אָן פפיי־פער'ן. איך קאָן ווירקליך ניט... מאַכט עס מיט פפייפערן דורך.
(ער גליטשט זיך הערויס אין קאנטאר). (די בעטענדע קוקען פערלווירען איי־נער אויפ'ן צווייטען איינער נאכ'ן אנדער'ן טרעט מיט א זיפץ אב צוריק).

פפייפער: (נעהמענדיג זיך ווידער צום דורכקוקען די סחורה) נו, אַנג'—ל, וואָס ברענגסטו דו?

דער אַלטער בוימערט: וויפיל ווערט מען איצט רעבענען פאַר אַ שטיקעל וועבונג העָר פפייפער?

פפייפער: פאַר אַ שטיקעל—צעהן זילבערגראָשען.

דער אַלטער בוימערט: נו, רעכט הייסט'ס!
(בעוועגונג אונטער די וועבער. א שושקעריי און מורעריי).

ענדע פונ'ם ערסטען אַקט.

צווייטער אקט.

פערזאנען פון צווייטען אקט.

דעֶר אַלטעֶר בוימעֶרט

דיִ מוטעֶר בוימעֶרט, זיין פֿרוי

אַוגוסט איהר זון

עֶממאַ
בעֶרטהאַ } איהרע טעכטער.

פֿריִטץ עממאַס קינד מיידעל־וויין

דעֶר אַלטעֶר אַנזאָרגעֶ אַנ׳אַלטעֶר (פערזעסענער) בחור און אַוועבער.

פֿרוי הײַנריךְ אַוועבערין

מאָריִטץ יעֶגעֶר אַנ׳אויסגעדינטער סאָלדאַט און אַמאָליגער וועבער־געהילף.

צווייטער אקט.

דאס שטיבעל פון ווילהעלם אנזארגע אין זיין אייגען הייזעל אין קאשבאך אין איילענ׳שע בערג.

אין אנ׳ענגעם מיט א צופוילטער איבערגעפיהרטער בריקע (פאדלאגע) פון דר׳ערד ביז׳ן באלקען ניט קיין פולע זעקס עלען הויכען שטח זיטצען: צוויי יונגע מיידלאך עממא און בערטהא בוימערט ביי וועבשטוהלען,—מוטער בוימערט א צוזאמענגעהייקערטע אלטעטשקע, אויף א בענקעלעביים בעט, פאר איהר שטעהט א שפול-ראד,—איהר זוהן אויגוסט, א צוואנציג יאהריגער גולם (א אידיאט) מיט אקליינעם גופל און אקליינעם קעפעל, לאנגע ווי ביי א שפין אויסגעצויגענע הענד מיט פיס, זיטצט אויף א פוס-בענקעלע און שפולעוועט אויך. דורך צוויי קליינע, טייל-ווייז מיט פאפיר פערקלעבטע און מיט שטרוי פערשטאפטע לעכער-פענסטער אין לינקער וואנד, דרינגט הערייז א שוואך ראז-פארביגעס אבענד-ליכט. דאס ליכט פאלט אויף דאס ווייס-בלאנדע אפענע האר פון די מיידלאך, אויף זייערע הוילע דארע שולטער, ווי אויך אויף די דינע וועקסענע העלדזער, אויף די פאלדען פון די גראבע העמדער אויפ׳ם רוקען, וואס צוזאמען מיט א קורצעם ווייבערשען רעקעל פון דער גרעבסטער ליינוואנד געמאכט—איז די איינציגע גאנצע קליידונג, וואס זיי טראגען אויף זיך. דער אלטעטשקער לויכט דער ווארעמער הויך פונ׳ם זונען-פאסעמאנט, וואס פאלט הערייז פול אין פנים הערייז אויפ׳ן האלדז און ברוסט איהרס: דער פנים אבגעמאגערט ווי א סקעלעט, פול רונצעל און קנייטשען און א ווייסער הויט אהן בלוט, איינגעגראבענע אויגען, וועלכע זיינען פון אייביגען שטויב, רויך און ארבייט ביים ליכט שטענדיג רויטהע און וואסערדיג,—א לאנג האלדז מיט א וואליע*) דורכאויס אין קנייטשען און פולע אדערן, אנ׳איינגעפאלענעם מיט טיבער און שמאטעס פארפאקטע בוזעם.—א טייל פון דער רעכטער וואנד איז פארנומען מיט אן אויווען און א באנק הערום, א געשטעל פון א בעט. עטליכע וואלוועל געשמירטע פראסטע בילדער פון הייליגע- שטעהען אויך אין שיין בעלויכטען.—אויפ׳ם אייווען-שטאנג הענגען שמאטעס צום טריקענען זיך. הינטערן אויווען, א הרודע צופלאטערטע שמאכטעס, וואס איז אגראשען ניט ווערטה. אויפ׳ן באנק ביים אויוועןשטעהען עטליכע אלטע טעפ און כלים צום קאכען. דערביי שאלעכץ פון קארטאפליעס צום טריקענען אויף א פאפיר אויסגעלעגט א. ז. וו. א. ז. וו. פון באלקען העראב הענגען מאטיקעס באוועל, און וויקעל-שיבעס (מאטאווילעס), קאשיקעס מיט שפולען שטעהען נע=

*) וואליע—Kropf-Зобъ

בען די וועבשטוהלען, אין דער הינטער-וואנד—א נידעריגע טהיר אהן א שלאס, א בינטעל ריטער פון ווערבעס אבגעשפארט ביין וואנד; מעהרערע צובראכענע קליינע קערב דערביי.—א גערודער פון די וועב-שטוהלען, דאס איין און איין טיק-טאק הוידען פון דער לאדע,*) פון וועלכע די בריקע און באלקען האלטען אין איין ציטערן, דאס שלורען און שורשען פון דאס אהין און אהער פליעהענדען שיפפעל מאכט פול מיט רעש דעם גאנצען רוים, אין דערין מישט זיך חעריין טיעפע, גלייכע טענער פון די שפול-רעדער, וועמעס הומען און זומען—א זומען פון גרויסע פלעדער דערמאהנען.

~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

מוטער בוימערט: מורא האָבען איז אַלע מאָל דאָ וואָס.

עממאַ: (נעהמט זיך ווידער צום וועבען).

בערטהאַ: וואַרט אַבִּיסעל, עממאַ!

עממאַ: וואָס איז אַזוינס?

בערטהאַ: מִיר דוכט זיך אֶמִיצער איז הערײַן.

עממאַ: ס'איז מן הסתם אַנזאָרגע, געקומען אַהײַם.

פרִיטץ: (א קליינער בארפוסער, פיערי‏אָהריגער יונגעל אין שמאַטעס, קומט הערײַן מיט א געוויין) מאַמע, כ'וויל עסען.

מוטער בוימערט: (מיט א קלאגעדיגער אבגעמאטערטער שטים, אין דער צייט, ווען די מיידלאך הערען אויף צו וועבען און בויגען זיך איבער די ארבייט העריבער) נו ווִידער אַמאָל קנִיפּלען!?

עממאַ: (די עלטערע פון די מיידלאך, צוויי און צוואנציג יאהר אלט, קניפלענדיג די איבערגעריסענע פעדים) נו אַ זאָרט פּאָדעם איז דאָס אָבער אויך.

בערטהאַ: (א פופצען יאהריגע) דאָס איז אמאַטערנעם אַבִּיסעל (מיט דער אסנאווע)!

עממאַ: וואו איז ער אַהִין געקומען אַזאַ צייט? ער איז דאָך אַוועקגעגאַנגען שוין פון אַזייגער נײַן אָן.

מוטטער בוימערט: יעה נו, יעה וואו האָט ער געקאָנט בלייבען, קינדער?

בערטהאַ: האָט קײַן מורא נִיט, מוטער!

עממאַ: וואַרט, פּרִיטץ! וואַרט אַבִּיסעל! דער זיידע קומט באַלד, ברענגט ער ברויט מִיט קאַווע מִיט.

פּרִיטץ: איך בין אַזוי הונגעריג, מאַמעלע!

---

*) לאדע—Набилка
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

עֶמְמַאַ: איך זאָג דיר דאָך, האָב שכל. עֶר וועט דאָך באַלד קומען. עֶר ברענגט אַוואויל ברויט׳ל און אַגוט ביסעֶל קאָוועֶ׳לעֶ—און ווי נאָר פֿײַעֶראָבענד: אַוועקגעלעגט די אַרבייט, נעהמט די מאַמאַ קאַרטאָפעֶלשאָלעכץ, טראָגט דאָס אַוועק צום פֿויער און דער גיט איהר דערפֿאַר אַ שעהן ביסעֶל מאָסליאַנקעֶ *) פֿאַרן יונגעל מיינעם.

פֿריטץ: אַוואו איז ער דען, דער זיידעֶ?

עֶמְמַאַ: ביים פֿאַבריקאַנט איז ער, אַשטיקעל וועֶבונג אָבליעפֿערן, פֿריטצ׳ל.

פֿריטץ: ביים פֿאַבריקאַנט?

עֶמְמַאַ: יעֶה, יעֶה, פֿריטצ׳ל אונטען ביי דרייססיגער אין פעֶטערס וואַלד.

פֿריטץ: וועט מען איהם דאָרטען ברויט געבען?

עֶמְמַאַ: יעֶה, יעֶה, מען גיעבט איהם דאָרטען געלד. און דאַמאָלס וועט ער שוין קענען ברויט קויפען.

פֿריטץ: גיט מען דעם זיידען אַפולעֶ געלד?

עֶמְמַאַ: (מיט כעס) אָה הער אויף, יונגעל איינער אַ קאָפ צו דרעהען (זי פאנגט ווידער אן צו וועבען, בערטהא אויך באלד דארויף האלטען זיי ווידער ביידע אב).

בערטהאַ: געה, אויגוסט, פֿרעג אַנזאָרגען, צו יועט ער ניט אַנצינדען פֿײַער.

אויגוסט: (געהט הערויס, פריטץ צוזאמען מיט איהם).

מוטער בוימערט: (מיט א מורא׳דיג קינדערשען שרעק וואס געהט הערויף אויף איהר, כמעט קוויטשענדיג) קינדער, קינדער. וואו איז דער טאַטעֶ דען?

בערטהאַ: ער איז מן הסתם צו האָופן הערײַן געגאַנגען.

מוטער בוימערט: אין קרעטשמע זאָל ער נאָר ניט אַוועק.

עֶמְמַאַ: וויין ניט מאַמעֶ! דער טאַטעֶ איז דאָך ניט פֿײַט די מענשען.

מוטער בוימערט: (אויסער זיך פון מורא און געדאנקען שרעקליכע אנגעשוואומענע) נו... נו... און זאָג נאָר וואָס קען אנו פון אַלץ ווערען? אז ער... אנו... אז ער קומט שוין אַהיים נו... און ער האָט אַלץ פֿערשכורט, און ער ברענגט

---

*) פוטער מילך (סיראדאנוקע)—די אינעער מילך וואס בלייבט נאכן אויסשלאגען פוטער.

נישט אַהיים? אַ קאָפּ זאַלין איז אין דער היים ניטאָ, קיין ברעק׳ל ברויט, האָץ אַלעק קויהלען וואָלט זיין...

בערטהאַ: זאָרג ניט מאַמע, די נאַכט איז אַ ליכטיגע— די לבנה שיינט. געהען מיר אין וואַלד אַריבער, מיר נעהמען אויגוסט׳ן מיט און מיר קלייבען אָן אַ בינטעל ריטלעך טרוקענס.

מוטער בוימערט: זעהט אַקאָרסט דער היטער זאָל אייך ניט אָננעהמען.

אַנזאָרגע: (אַנ׳אַלטער וועבער, אַ מורא׳דיגע הויך, ער מוז זיך טיעף איינבויגען הערײַן קומענדיג אין קאַמער, שטעקט דעם קאָפּ און דעם אויבערסטען האַלבען גוף דורכ׳ן טהיר הערײַן, די האָר פון קאָפּ און באָרד ווילד פאַרלאָזען) וואָס איז אַזוינס?

בערטהאַ: איהר וואָלט פייער אָנגעצונדען.

אַנזאָרגע: (מיט אַ דומפּפען קול פונקט ווי געבען אַ קראַנקען) ס׳איז דאָך נאָך ליכטיג.

מוטער בוימערט: נו נאָך אין דער פינסטער וועסטו אונז האַלטען.

אַנזאָרגע: מע׳מוז אויך אויסגערעכענט זיין (ער ציהט זיך ווי הערויס צוריק).

בערטהאַ: נו זעה נאָר, וואָס׳ער אַ קאַרגע זאַך ער איז.

עממאַ: נו, מוז מען אפנים אַזוי זיטצען ביז זיין רצון וועט זיין.

פרוי הייגריך (קומט הערײַן אַ דרייסיג יאָהריגע פרוי אַ טראָגענדיגע, פון איהר אָבגעמאַטערט׳ס פנים קוקט שווערע זאָרג און מוראדיגע אָנגעשטרענגט׳קייט הערויס) גוט נ׳אָבענד אייך אַלעמען.

מוטער בוימערט: נו הייגריכ׳ל, קרוינעלע, וואָס גוטס איז ביי דיר?

פרוי הייגריך: (הינקט) אָט בין איך אויף אַ שערבעל הערויף די פוס זיך איינגעשניטען.

בערטהאַ: נו קום אַהער זעטץ זיך, כ׳ וועל פרובען הערויסנעהמען. (פרוי הייגריך זעטצט זיך אַניעדער, בערטהאַ שטעלט זיך אויף די קניה און נעמט זיך צו איהר פוס).

מוטער בוימערט: וואָס הערט זיך ביי דיר אין דער היים הייגריכ׳ל קרוין?

פרוי הייגריך: (פערצווייפעלט הערויסזעצענדיג) האָץ לייג זיך און שטאַרב... (זי וועהרט זיך אומזיסט מיטם שטראָם טרעהרין. וואָס רייסט זיך איהר דורך די אויגען הערויס, וויינט אָהן ווערטער, שטום).

מוטטער בוימערט: פאר אונז היינריכ׳ל, קרייינעלע, וואלט ס׳ בעסטע געווען, אז גאטט וואלט אויף אונז רחמנות האבען און אונז צוגענומען פון דער וועלט.

פרוי היינריך: (קאן זיך מעהר ניט איינהאלטען זעטצט מיט א געוויין הערויס) ארעמע קינדער מיינע, זיי געהען אוים פון הונגער (זי שלוכצט און הערט ניט אויף צו וויינען) איך קאן זיך מעדר קיין עצה ניט געבען, מענסט הערומלויפען, דו וואס מענסט אהן כחות בלייבען. איך בין מעהר טוידט, ווי לעבעדיג, און עס איז ב״ה אזוי און אנדערס ווערט ניט. נייען הונגעריגע מיילער דארף איינער נאר זאט מאכען. פון וואנען דען? נעכטען אבענד האב איך געהאט א שטיק׳ל ברויט האט דאס קוים פאר די קלענסטע געקלעקט, ווען האב איך געזאלט פריהער געבען, הא? אלע שרייען הערום מיך אין איין קול: מאמעלע מיר, מאמעלע מיר... ניין, ניין, איצט קאן איך נאך די פים שלעפען, וואס קען דאמאלס ווער׳ן, ווען איך וועל זיך אוועק־לעגען. די פאר קארטאפעל,—האט דער געוויטער הערובגעש־וויינקט, מיר האבען ניט וואס צו ברעכען, ניט וואס צו בייסען ב״ה.

בערטהא: (האט דאס שערבל פון וואונד הערויסגעצויגען און די וואונד אבגעוואשען) מיר וועל׳ן מיט א טיכעל הערומבינדען, (צו עממא׳ן) זוך אוים ערגיץ א שטריקעל.

מוטטער בוימערט: אונז געהט ב״ה אויך ניט בעסער היינריך! קרוין.

פרוי היינריך: דו האכט דאך צום וועהניגסטענ׳ס דיי־נע מיידלאך. דו האסט א כאן וואס קאן דארעווען, נאר מיינער האט זיך מיר פאר אכטאגעדיגע וואך ווידער אוועקגעלעגט, נו האט איהם ווייטער געריסען און געשליידערט, אז איך האב פון טוידט־שרעקענעס ניט געוואוכט וואס איך הויב אן מיט איהם צו טאן. און טרעפט זיך איין מאל מיט איהם אזא טראף, ליעגט ער מיר ווידער אכט טעג א צוגעשמידט׳ר צום בעט.

מוטער בוימערט: מיינער איז אויך ניט מעהר ווערטה. ווערט אויך א שארבען. אין הארצען שטעכט, אין קארק ברעכט, און אבגעברענט זיינען מיר אויך ב״ה ביז׳ן לעצטען פפעניג. ווען ער ברענגט היינט אויך ניט א וואסער פאר גראשען מיט, ווייס איך אויך ניט וואס ווייטער וועט זיין.

עממא: מאנכט גלויבען, היינריכ׳ל, אונז איז אזוי ווייט געקומען... דער טאטע האט געמוזט „אמיע׳ן״ מיט זיך נעהמען און קוילען, אז מיר זאלען האץ מיט עפעם דעם מאגען קענען פארשטאפען.

פרוי היינריך: האָט איהר ניט אפשר אַ קאָפּ מעהל אַנ'איבעריגע.

מוטער בוימערט: אַ קאָפּ ניט! אַפילו אַ לעק זאַלץ איז אַפילו אין גאַנצען שטוב ניטאָ.

פרוי היינריך: נו אויב אזוי ווייס איך אַליין ניט. (הויבט זיך אויף פון ארט, בלייבט שטעהן, פארטראכט בעקלערענד) דאָ ווייס איך אין אמת'ן ניט! — דאָ קאָן איך מיר ווירקליך ניט העלפען (אין ווילד'ם כעס און שרעק מיט א געשריי) איך וואָלט צופריעדען געווען, ווען איך וואָלט קאָרמע פאַר אַ חזיר האָבען! — נאָר מיט לעדיגע הענד טאָר איך אַ היים ניט קומען! דאָס קאָן איך ניט, נו זאָל מיר גאָטט מוחל זיין. קיין אַנדער וועג האָב איך ניט... (זי הינקט אויף דער לינקער פיאטע, נו אויפטרעטענדיג, לויפט שנעל הערויס).

מוטער בוימערט: (רופט זי נאך מיט א התראה) היינריכ'ן, קרוין, היינריכ'ן קרוין, טהו קיין נאַרישקייט ניט אָב.

בערטהאַ: זי וועט גאָר ניט אָבטאָהן, מיין ניט.

עממאַ: מיט איהר איז דאָך אַלע מאָל אַזוי (זי זעטצט זיך ווידער ביים וועבשטוהל און וועבט איניגע זעקונדען).

אויגוסט: (לייכט צו מיט אנ'אנגעצונדענע חלב'נע ליכט'ל זיין פאטער, דעם אלטען בוימערט, וועלכער שלעפט זיך הערייין מיט א פאק פאדעם, אפריהער).

מוטער בוימערט: נו אַלעבען גאָטט! גאָטט איינער, וואו ביזטו פערפאַלען געוואָרען אַזוי לאַנג?

דער אַלטער בוימערט: נו פאַל ניט אָן מיט אַמאָל לאָז מיר אַביסעל דעם אָטהעם אָבכאַפּען. ניעב בעסער אַקוק ווער מיט מיר ס'דאָ געקומען.

מאָריטץ יעגער: (קומט הערייינבויגענדיג זיך דורכ'ן טהיר א געזונדטער סאלדאט, פון מיטעלען וואוקס מיט ראטהע באקען א הוזאר'ן קאסקע אויפ'ן קאפּ. גאנצע קליידער און שטיוועל, א קלאר העמד אהן א קראגען. הערייין קומענדיג, ציהט ער זיך אויס און לעגט צו די פינגער צום היטעל מעשה וואיענער. מיט אפראהליכ'ם מעשה גוטער ברודער־טאן) גוט נ'אָבענד, מוהמע בוימערט!

מוטער בוימערט: נו יעה נו, ביזט דו ווידער אין דער היים? דאָסטו אונז נאָך ניט פערגעסען? נו זעטץ זיך. קום אַהער, זעטץ זיך אַנידער

עֶמְמַאַ: (א הילצערנעם שטוהל מיט'ם קלייד אבווישענדיג און דערלאנגענדיג איהם יעגער'ן) גוּט נ'אָבֶענד, מאָרִיטְץ! ווִילסטוּ נאָך אַמאָל זִיך צוּקוּקֶען וואָס פָֿאַר אַפְּנִים אָרֶעמֶע לַייט האָבֶען?

יעֶגעֶר: נוּ זאָג מִיר נאָר עֶמְמַאַ, כ'וואָלט קֵיינמאָל נִיט גלויבעֶן, דוּ האָסט אַ יוּנגעֶל, וואָס עֶר קאָן שוֹין באַלד אִין סאָלדאַטעֶן געֶהְן. וואוּ האָסטוּ געֶכאַפּט אַ זוּינעֶם.

בעֶרטהאַ: (וועלכע האט ביים טאטען די עטליכע פעקלאך עס' סענווארג צוגענומען, לעגט פ'פלייש אין פענד'ל און רוקט העריין אין אווען, אין דער צייט וואס אויגוסט מאכט פייער) דוּ האָסט דאָך געֶקעֶנט פִֿינגעֶרן דנ'וועֶבעֶר.

מוּטעֶר בוֹימעֶרט: מִיר האָבעֶן אִיהם דאָ פָֿאַר אַשבן אִין שטוּב געֶהאַט. עֶר האָט אִיהר געֶוואָלט נעֶהמעֶן, נאָר עֶר האָט שוֹין דאַמאָלס גאָר אַשוואַך ברוּסט געֶהאַט. אִיך האָב דאָך אִיהר נִיט וויִפִֿיל מאָל געֶזאָגט, וואָס? אַ קנאַפּ שטִיק האַרץ זִיך אויסגעֶרִיסעֶן, נֵיין, האָט זי געֶמאָגט העֶרעֶן. נוּ אִיצט אִיז עֶר שוֹין לאַנג טוֹידט און פֿאַרגעֶסעֶן געֶוואָרעֶן, און זִי קאָן אִיצט זעֶהן, וואָס הֵייסט'ס אַיוּנגעֶל אוֹיף דִי פִֿיס שטעֶלעֶן, און זאָג מִיר; מאָרִיטְץ, ווִי אִיז דאָס דִיר געֶגאַנגעֶן?

דעֶר אַלטעֶר בוֹימעֶרט: נוּ זַיי גאַנץ רוּהִיג, מוּטעֶר פָֿאַר אִיהם אִיז אַ וועֶלט גרֵייט; דעֶר לאַכט אוּנז אַלעֶמעֶן אוֹיס; צוּ דעֶר האָט קלֵיידעֶר, ווִי אַ גראַף מִיטגעֶבראַכט, און אַזִילבעֶרנעֶם זֵייגעֶר—אַצוּלעֶנדעֶר, און אַחוּץ דעֶם נאָך צעֶהן טהאָלעֶר אִין באַר.

יעֶגעֶר: (גרויסארטיג זיך אבשפארענדיג, א בעריהמעריי און א מיט זיך צופריעדענע מינה אויסגעגאסען אויפ'ם פנים) אִיך קאָן זעֶ'ך נִיט בעֶקלאָגעֶן, מִיר אִיז נִיט שלעֶכט געֶגאַנגעֶן אִין דִיענסט.

דעֶר אַלטעֶר בוֹימעֶרט: עֶר אִיז „אַ דעֶנשטשִיק" געֶוועֶן באַן ראָטמִיסטעֶר. העֶר נאָר אַ רעֶד זַיינעֶ, ווִי דִי גרעֶסטעֶ לַייט.

יעֶגעֶר: צוּ אַ שעֶהן רעֶדעֶן האָב אִיך מִיר אַזוֹי אנ'געֶוואָהנט, אַז אִיך קאָן אַנדעֶרש גאָר מעֶהר נִיט רעֶדעֶן.

מוּטעֶר בוֹימעֶרט: נוּ נֵיין, נֵיין, זאָג מִיר אוֹיף טשִיקאַווע נאָר! אַזאַ טוֹיגעֶנִיכטס ווִי דוּ בִּיזט געֶוועֶן, און בִּיזט צוּ געֶלד געֶקוּמעֶן! מִיט דִיר אִיז דאָך געֶוועֶן אַ קאַטְץ אַנ'עֶק נִיט צוּ פֿעֶרבִינדעֶן;—דוּ האָסט דאָך אַקנַיילכעֶל פֿאַנאַנדעֶרוויִקלעֶן נִיט געֶקאָנט! אַ מִינוּט אוֹיף אַנ'אָרט—און שוֹין נִיטאָ; נעֶטצעֶן פָֿאַר פֿוֹיגעֶלאַך: קאַסטאַנקעֶס און ראַטה־העֶלזלאַך האַפּעֶן—אָט דאָס האָסטוּ לִיעב געֶהאַט. אַלִיעגעֶן אפֿשר, וואָס?

יעגער: ס'איז אַנ'אמת, מוהמע. איך האָב ניט נאָר קאַסטאַנקעס, איך האָב שוואַלבען אויך געהאַפּט.

עממאַ: מיר פלעגען איהם אַלע מאָל זאָגען: שוואַלבען זיינען גיפטיג.

יעגער: דאָס איז מיר געווען אַלץ איינס. ווי האָט זיך אייך דען געלעבט. מוהמע בוימערט?

מוטער בוימערט: אָה שלעכט, נאָר, גאָר שלעכט אָט אין די לעטצטע פּאָר יאָהרען. מיר האַלט אין איין ברעכען אין אַלע ביינער. ניעב נאָר אַבליק די פינגער מיינע, איך ווייס גאָר אַליין ניט צו האָב איך אַ פאַרקיהלונג—אַ רהאַמאַטעס געהאַפּט, צו וואָס? ס'איז מיר דערוף אַזוי ביטער! איך קאָן מיט אַגליעד ניט אַריהר ט־אָן. קיין מענש קאָן זעך ניט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ יסורים איך טראָג אַריבער.

דער אַלטער בוימערט: מיט איהר איז איצט גאָר שלעכט, לאַנג וועט זי ניט ציעהען.

בערטהאַ: אין דער פריה טהוען מיר איהר אָן, ביינאַכט טהוען מיר איהר אויס. מיר מוזען איהר „קאָרמען" ווי אַ קליין קינד.

מוטער בוימערט: (דורכאויס אלץ מיט א'קלאגענדיג וויינענ־דיגער שטים) מע מוז מיר באַדינען אויף יעדער טריט. איך בין מעהר ווי קראַנק. איך בין אַלעמען שווער געוואָרען. ווי פיעל האָב איך שוין ביים לעבען גאָט רחמים ניט געבעטען נעהם מיך לכוף צו פון דער וועלט. אָה גאָטט, גאָטט, ס'איז דאָך מיר אַזוי שלעכט.... איך ווייס גאָר ניט.... די מענשען קאָנען מיי־נען... אָבער איך בין דאָך צו פראַצע געוואהנט פון קינדווייז אָן, איך האָב דאָך מיינע אַרבעט אַלע מאָל געקאָנט אויפטאָן און נאַ דיר מיט אַ'מאָל. (זי מאטערט זיך אומזיסט א הויב דער־לאנגען זיך פון ארט) ניט אַהער, ניט אַהין—איך האָב אַגוט'ן מאַן, גוטע קינדער האָב איך, נאָר מיר ווי איז דאָס אַלץ צוצווזעהן ווי וויינזען די מיידלאַך אויס. זיי ווע׳לען דאָך באַלד די לעטצ־טע קאַפּ בלוט פאַרלירען—ווייס ווי אַטוך. ביי זיך צו אין דער פרעמד.—וואו אַזאַ מיידעל זאָל ניט זיין קאָן זי זיך פון וועב־שטוהל ניט אָברייסען—פאַרפאַלען זי מוז דאָך האָרעווען. וואָס האָבען זיי פון אַ לעבען. אַגאַנץ יאָהר צוגעשמידטע צום בענ־קעל צו. צו אַפּאָר שמאָכטעס קאָנען זיי זיך ניט דערשלאָגען ב"ה דאָס לייב קאָנען באַדעקען מ'זאָל זיך אַ מאָל פאַר מענשען קאָנען בעווייזען, אָדער זע'ך אין קירכע הערינבערהאַפּען אַמאָל חאָ'ן דעם אָטהעם אָבהאַפּען פריי. אויסזעהן זעה'ן זיי אויס, ווי

פֿון שטריק אַראָבגענומענע. יונגע קינדער–מײדלאַך פֿופֿצעהן און צוואַנציג יאָהר.

בערטהאַ: נו עס רויכערט ווידער.

דער אַלטער בוימערט: נו אַרויף, געזעהן אַביסעל. נו זאָג אַלײן קאָן מען דאָ צו אַ בעסער געזונד קומען. נאָך אַביסעל און דער אויווען פֿאַלט אויף הײליגע נאמנות אין גאַנצ׳ן אײן. און מיר מוזען קוקען און די סאַזשע שלינגען, מיר הוסטען אײנער מעהר פֿון דעם אַנדערן. הוסט, הוסט וואָס הײסט און ווען עס דערשטיקט אונז און עס ווערט אונז די אינגעווײד העראויסקעהר׳ן! פֿרעגט אונז קײן לעבענדיגער מענש אַפֿילו, הא וואָס איז אַזוינס?

יעגער: דאָס איז דאָך אַנזאַרגעס אַרבײט, ער דאַרף דאָך דאָס פֿאַריכטען.

בערטהאַ: דער חלישט אונז אויך צו זעהן. ער בורטש׳ט אַזוי אויך מעהר ווי געווג.

מוטער בוימערט: מיר נעהמען אַזוי אויך בײ איהם אַ צו גרויסען אָרט אַוועק.

דער אַלטער בוימערט: און ווען מיר זאָלען נאָך אָנהויבען אויפֿבורען, הײסט מען זיך אונז גאָר טראָגען פֿון דאַנען און גיך. ער האָט שוין אַ האַלב יאָהר קײן גראָשען דירה־געלד אין די אויגען ניט אָנגעזעהן.

מוטער בוימערט: ניט קײן אָרעמאַן חלילה! האָט ער געמאָגט בעסער זײן.

דער אַלטער בוימערט: ער האָט אויך גאָרנישט מיט גאָרנישט, מאַמע מײנע, ס׳איז איהם אויך געווג ביטער, האָן ער מאַכט ניט קײן גוואַלדען: „ס׳איז מיר שלעכט״!

מוטער בוימערט: ער האָט דאָך אַ שטוב דערפֿאַר אַנ׳אײגענע.

דער אַלטער בוימערט: נײן, מאַמע מײן, וואָס רעדסטו עפּעס, אין די שטוב איז דאָך אַ קלײנע שפּענד׳ל אויך ניט זײן אײגענע.

יעגער: (האט זיך אוועקגעזעצט, א קורצע ליולקע מיט שעהנע פרענזלאך פון איין קעשענע פון ראק—א פלאש בראַנפען—פון דער אנדערער הערויסגענומען) אַזוי ווײטער טאָר און קאָן עס ניט זײן. ניסים־ווי מענטשען לעבען דאָ אַלעבען אָב. די הינד אין שטאָדט לעבען בעסער ווי איהר

דער אַלטער בוימערט: (מיט היטץ) אָט, אָט ניט אמת, האַ? דו ווייסט דאָך אויך!? און פּרובט מען אַמויל עפּענען, איז איין וואָרט: ס'איז שלעכטע צייטען.

אַנזאָרגע: (קומט העריין, אַ ליימענע שיסעלע מיט זופּ אין איין האַנד, אַ האַלב פּאַרטיג געפלאָכטענעם קאָשיק אין דער אַנדערער) מיט'ן רעכטען פוס, מאָריטץ! ביזט ווייטער דאָ.

יעגער: אַ דאַנק פאַר אַ גוט פרעגען, זיידע אַנזאָרגע.

אַנזאָרגע: (שטעלענדיג דאָס שיסעלע אין אויווען) נו אַ זאָג נאָר מיר, דו זעהסט דאָך אויס ווי אַ גראַף.

דער אַלטער בוימערט: ווייז איהם נאָר אַקאָרסט דיין שעהן זייגערל. ער האָט איין אַנצוג געבראַכט און צעהן טהאָלער באַאַר'ס געלט.

אַנזאָרגע: (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ) נו מ-מ-הן עה... העּ!

עממאַ: (די קאַרטאָפעל שאָלעכץ אין אַ זעקעלע הערייננלייגענדיג) נו געה איך מיט די שאָלעכץ, אפשר וועט ווערען דערפון אַביסעל אונטערסטע מילך (געהט אוועק).

יעגער: (אין דער צייט ווען אַלע אויגען קוקען און אַכטען אויף איהם אנגעשטרענגטער-הייד) נו, נו דערמאָהנט זעך האָץ, וואָס פאַר אַ מורא איהר האָט מיך געמאַכט: דיר וועט מען דאָרט ערסט בעווייזען, מאָריטץ, אויף דינענסט וואַקסט פעפער וואַקסט. נו זעהט איהר ערשט, עס האָט זיך גאַנץ אַנדערש אויסגעלאָזען ס'איז מיר גאָר ניט שלעכט געגאַנגען, אין אַ האַלב יאָהר העראום האָט מען מיר אָט די פאַסקעס שוין אָנגעגעהט. אַ שלאָף-מיטצקע טאָר מען ניט זיין. דאָס איז דער עיקר. איך האָב דעם וואַכמיסטער די שטיפעל געפּוצט; כ'האָב איהם דנ'פערד צוגעקליבען: גע־וואַשען עס, געקאַמט, ביער איהם פון שענק הערייננגעכאַפּט. פלינק געוועזען, ווי אַ קאַץ. און אויפ'ם פאָסט מיינעם—אין אַלדאַ רוחות,—האָט די פאָרמע אויף מיר געמוזט ביי מיר אַזש פינקלען-איין וואָרט, איך בין געוועזען דער ערסטער אים שטאַל, דער ערסטער ביים אויסרופען, דער ערסטער אויף דייטען. און ווען עס איז אַנ'אַטאַקע אויסגעקומען-מאַרש, מאַרש, דער ערסטער איך-אין אַל דער העל, העראָב פון וועג אין שוואַרץ יאָהרען! און אויפגעפּאַסט האָב איך ווי אַ הונט אויפ'ן געיעג, אַלץ געקלערט: דאָ העלפט קיין זאַך ניט, דער שוואַרץ יאָהר אַליין אויך ניט, וואָס געהייסען—דאָס געטהאָן; האַלט דעם קאָפּף אויף די פּלייצעס, נו און ס'איז אַוועק אַ גאַנג, און ס'איז אַזוי ווייט אַוועק, אַז דער ראָטמיסטער האָט

פאַרן גאַנצען עסקאַדראָן געזאָגט: אָט דאָס פערשטעה איך. אָט דאָס הייסט אַ הוזאַר, ווי עס בעדאַרף צו זיין (ס'ווערט שטיל, יעגער פערדרייכערט די ליולקע).

אַנזאָרגע: (מיט'ם קאפ שאקלענדיג) אָט דאָס האָט דיר אַגליק געחאַפּט? נ־נו יעה!—נ־ע־ע־ע (ער זעצט זיך אויף דער בריקקע (פאדלאגע), לעגט די ריטלאך נעבען זיך און פלעכט דעם אנגע־פאנגענעם קארב, האלטענדיג איהם צווישען די קניה).

דער אַלטער בוימערט: אָט ווע‍לען מיר האָפען אַז דו האָסט אונז מזל אויך מיט זיך מיטגעבראַכט. נו זאָלען מיר נאָר עפּעס ניט אַנעהם טאָהן צו ביסלאַך פון ביטערען טראָפען אַה?

יעגער: ס'פערשטעהט זיך, ווי זשע, פעטערל בוימערט, און אַז די וועט אויסגעהן, וועט זיין אַניי ביסעצקע (ער גיבט א ווארף א מטבעה אויפ'ן טיש).

אַנזאָרגע: (מיט א נאריש'ם בתמיה'דיג פנים, הירזשעט) אָה, הי, הי ס'גע־הט אויפ'ן גבירישע'ן אופן... דאָ פרעגעלט זיך אַגעבראָטענס, דאָ שטעהט זיך אַנ'עמער בראָנפען (ער טרינקט פון דער פלאש) לעבען זאָל מאָריטץ לעב! נו יעה. עה, הע, (די פלעשעל פאנגט אן אומצוגעהן פון האנד צו האנד).

דער אַלטער בוימערט: אַז מיר וואָלטען געקאָנט צום וועהניגסטענס אַלע הייליגע טאָג אַזאַ שטיקעל געבראָטענס האָב'ן, אָנשטאָדט וואָס מען קריגט ניט אַ שטיקעל פלייש אין די אויגען צו זעהן פון יאָהר אויף טאָג?-אַזוי אַז מען מוז וואַרטען ביז נאָך אַמאָהל אַ הינט'ל וועט זיך אונטערדרעהען ווי ס'האָט זיך פאָר פיער וואָכען געמאַכט: און דאָס קומט אוים אַמאָל אין אַיובל.

אַנזאָרגע: האָסט דו אַמיען געקוילעט?

דער אַלטער: ס'איז ניט אַלץ איינס צי ער וואָלט פון הונגער געפּלאַצט, צי מיר האָבען אַפריהער...

אַנזאָרגע: נו יעה, יעה,—נע, ע, מ־מ־ה־ה, הע.

מוטער בוימערט: ס'אַר אַשעהן ליעב הינט'ל דאָס איז געוועען.

יעגער: זיינט איהר נאָך אַלץ אַזוינע בעלנים אויף געבראָטענס פון הינד.

דער אַלטער בוימער: אָה נאָטט, גאָטט! האָץ וואָלט אַזוינס געוועען צו זאַט.

מוטער בוימערט: נו געוויס, געוויס, אַשטיק'ל פלייש געהט ניט צו פוס, ס'קומט צו, ניט אָב.

דער אַלטער בוימערט: דו האָסט שוין מן הסתם דעם טעם פֿערלוירען צו אַזוינס? נו בלייב ביי אונז דאָ אַקאָרסט, מאָריטץ, וועסט זיך ביי דיר ווידער בעקומען.

אַנזאָרגע: (דעם ריח העריין ציהענדיג) נו יעה, יעה—אָט־אָט דאָס איז אַוואויל שטיקעל. ס'טראָגט זיך אַגעשמאַק ריח'ל אַמחיה, דערפֿון.

דער אַלטער בוימערט: (שמעקט דעם ריח ציעט אין זיך) עכטער צימערונג קאָן מען זאָגען.

אַנזאָרגע: נו זאָג אונז דיין מיינונג, מאָריטץ, דו ווייסט דאָך ווי אויף אַוועלט אַגרויסע לעבט זעך, וועט דאָ אַמאָל אַנדערס ווערען מיט אונז וועבער, אָדער ניין?

יעגער: מען דאַרף האָפֿען אַז יעה.

אַנזאָרגע: מיר, ווי זאָגט מען דאָס, ניט מיר לעבען ניט מיר שטאַרבען, אונז געהט דאָ גאָר פּאַסקודנע. מאָגסט גלויבען, יעדער מאַטערט זיך דאָ מיט'ם טוידט צו גלייך—שפּייט מיט בלוט. און סוף כל סוף לאָזט זיך די הענד הערונטער. דער נויט „רייסט" אונז דעם דאַך פֿון איבערן קאָפּ העראָב, און די ערד פֿון אונטער די פֿיס הערויס. פֿריהער אַז מען האָט נאָך ביים וועבשטוהל געקאָנט זיטצען, האָט מען זיך ווי ניט מיט קומער און לייד ווי ס'איז זיך געקאָנט דורכשלאָגען. היינט קאָן איך אַיאָהר צייט פֿון טאָג אַף טאָג זיך צו אַשטיקל אַרבייט ניט דערשלאָגען, מיט'ם פֿלעכטען קערב—איז דאָס אויך אַנ'אַרבייט, וואָס מען קאָן האָבען ברעקלאַך אָנשטאָדט ברויט. איך פֿלעכט ביז אין דער האַלבער נאַכט, און אַז איך פֿאַל קוים אויפ'ן געלעגער האָב איך אַזילבער גראָשען מיט זעקס פֿפֿעניג אויסגעמאַטערט, דו ביזט דאָך אַמענש, אַגעבילדעטער, נו זאָג אַליין קאָן מען מיט דער מיט אויסקומען ביי אַזאַ בראַנד־טהייערקייט. דריי טהאָלער הער־יזגעוואָרפֿענע, קאָסט מיר פּאָדאַטקעס פֿאַר'ן שטוב, איין טאָלער אויף גרונד־גאַלאָג (פּאזעמעלנע) דריי טהאָלער—אַרענדע. איז פֿוהן די פֿערצעהן טהאָלער פֿערדינסט אַיאָהר וואָס איך קאָן רעכענען, בלייבט מיר זיבען טהאָלער אויף אַגאַנץ יאָהר צום לעבען. און פֿון דער זאָל מען פֿאַר זיך קאָבען, בעהייצען, בעקליידען זיך, אַשטאָך אַלאָך—אַלאַטע אַשמאַטע הערומזעהן. אַדירה מוז מען דאָך אויך האָבען און נאָך אַחוץ דעם איז אַוואונדער דאָ, אַז מען קאָן אַרענדע ניט צאָהלען.

דער אַלטער בוימערט: עס מוז אַמאָל אַריבע געהן

אײנער אין בערלין און מוז דעם קיסר אױסדערצעהלען, װי מיר לעבען דא.

יעגער: דאס װעט ניט העלפען, פעטער בומערט, מען האט שױן גענוג דערפון אין די צײטונגען געשריבען, אבער די רײכע דרעהען און קערען די זאך אזוי אוים... די קאנען דעם בעכטען אויפ׳ן פײער ברענגען.

אנזארגע: זאג נאר, מארטיץ! שױן קאן דאס געמאלט זײן, אז אויף דערױף איז נאר קײן דין און קײן משפט ניטא? װען אונז פאלט די הױט מיט די פלײש אין אײנעם פון די הענד אזש פון פראצע אב און מען קאן דאך די ארענדע ניט אױפהארעװען, שױן זשע מעג דער פױער קומען און אבנעהמען דאס שטיקל שטיבל בײ אונז? ס׳איז א פױער אמת, ער דארף זײן געלד הערױסנעהמען... (װערגענדיג זיך מיט די װערטער, דורך טרעהרען דורך) דא בין איך געבױרען געװארען, דא איז דער טאטע מײנער איבער פערציג יאהר בײם װעב־שטוהל אבגע־זעסען. װי אפט פלעגט ער צו דער מאמען זאגען: מאמע, שטארב איך אװעק,—אן דאס שטיבל האלט זיך שטארק. דאס שטיבל האב איך מיט מײן נױט־שװײס באקומען, דא איז יעדער נאגעל—א ניט דערשלאפענע נאכט מײנע, יעדער באלקען—א יאהר טרוקען ברױט, בעגרײפען דארף מען דאך אזױנס, פערשטעהן...

יעגער: די זײנען קאפאב׳ל דאס לעצט צוצונעהמען.

אנזארגע: נו געװיס יעה־נהע, עה, עה! אויב אזוי זאל מען שױן מיר בעסער אויף דער אמת׳ער װעלט הערױס־טראגען, אדער אויף מײנע אלטע יאהרען פון דאנען הערױס־יאגען,—דאס ביסעל אװעקשטארבען דא! מײן טאטע איז אויך מיט װעניג התפעלות אװעק פון דער װעלט—נאר גאר בײ דאס לעצטע מינוט האט אביס׳ל אשרעק אנגענומען, אז איך בין צו איהם אין בעט הערײנגעקראכען, איז ער װידער רוהיגער געװארען—װען מען אזױנס װאס גוט אין זינען נעהמט: כ׳בין דאמאלס א אינגעל פון דרײצעהן יאהר געװען, פארמאטערט בין איך געװען, און איך בין אנטשלאפען געװארען בײ דעם קראנקען דערבײ—אסך האב איך דאך דאמאלס ניט פערשטאנען און, אז איך האב מיך אױפגעװאכט, איז ער שױן געװען א קאלטער.

מוטער בומערט: (נאך אקלײנע פױזע) גיעב אקוק אין אױװען און דערלאנג אנזארגען די זופ.

בערטהא: אט איז עס, עכט, פעטער אנזארגע!

אנזאָרגע: (מיט טרעהרען, עסענדיג) נעה, העה, עה,—נג יעה, יעה!

דער אלטער בוימערט (האָט אנגעפאנגען דאָס פלייש פון דער פענד'ל צו עסען).

מוטער בוימערט: עך, פאָטער, פאָטער, דו האָסט דאָך געקאָנט אָבווארטען. לאָז בערטהא דעם טיש ווי ס'בעדאַרף צו זיין גרייטען.

דער אלטער בוימערט: (קייענדיג) פאַר צוויי יאָהרען בין איך דאָס לעצטע מאָל ביים פאַסטאָר ווי ס'פיהרט זיך, אויף ווידוי געוועןדאָס איז דאָך דאַמאָלס געוועזן ווען איך האָב מיין יום-טוב'דיג'ן סורדוט פאַרקויפט, פאַר דערוף האָב מיר אַשטיקל שוויין-פלייש באַקומען, פון דאַמאָלס אָן האָב איך קיין שטיקל פלייש אין מויל ניט נעהאַט ביז היינטיג'ם נ'אָבענד.

יעגער: ווי קומען מיר צו פלייש,—פאַר אונז עסען שוין די פאבריקאַנטען, זיי שווימען אין פעטס הערום און אַרום. ווער עס וויל דאָס ניט גלויבען, דער דאַרף זיך נאָר מטריח זיין אַריבערגעהן אין פילאו און פעטערס-וואַלד, דאָרטען קאָן מען זיך וואונדער אָנזעהן: וואו אַ קער—אַ פּאַלאַץ פון אַ פאַבריקאַנט איינער הינטער'ן אַנדערען. שויבען פון שפיגעל-גלאָז און טהורמס און אַייזערנע פאַרקאַנעס. ניין, ניין דאָרטען שפירט קיינער נישט פון שלעכטע צייטען, דאָרטען סטייעט עס אויף געבראָטענס און געזאָטענס, אויף עקיפאַזשען און קאַרעטען, אויף גובערנאַנטענס און ער ווייסט אַף וואָס. זיי שטעכט דער האָבער צו גוט! די ווייסען ניט ווי זיך פון הויט צו קריכען פון רייכטונג און גאוה.

אנזאָרגע: אַמאָליגע יאָהרען איז געווען גאָר אַנ'אַנדער זאַך. דאַמאָלכט האָבען די פאַבריקאַנטען אַ וועבער געלאָזען לעבען היינט פאַרלעבען זיי אַלץ אַליין. דאָס קומט דערפון וואָלט איך זאָגען, אז די גרויסע, פון הויכען שטאַנד, האָבען ניט קיין גאָטט. ניט קיין שד אין האַרצען, זיי ווייסען ניט, ניט פון שכר, ניט פון עונש. רייסען אונז דעם לעצטען ביסען פון מויל הערוים, נעמען אונז צו דאָס לעצט מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטען אוואו נאָר זיי קענען. פון די לייט קומען אונז אַלע אונגליקען אַרוים. ווען אונזערע פאַבריקאַנטען וואָלטען מענשען גוטע געוועזן, וואָלט דאַמאָלס פאַר אונז אויך קיין שלעכטע צייטען ניט געוועזן.

יעגער: הערט זיך נאָך אַמאָל צו, וועל איך אייך וואָס שעהנס איבערלייענען (ער נעהמט אַ פאפיר הערויס פון קעשענע) קום

אהער, אויגוסט, שפרינג אין שענקעל הערינבער און כאפ נאך א קווארט. נו אויגוסט, דו לאבסט נאך אלץ ווי פאר צייטען.

מוטער בוימערט: איך ווייס ניט וואס מיט דעם יונג אונזערען איז,—איהם איז אייביג גוט און פרעהליך. ער לאכט זיך פול הויפענס אן עס מאג איהם זיין ווי עס איז. לויף, לויף! (אויגוסט געהט אוועק מיט די פוסטע פלאשען), נו וואס, אלטער, ס'איז געשמאק, וואס?

דער אלטער בוימערט: (קייענדיג, פון עסען און טרינקען מוטהיג און אויפגעבראכט) מאריטץ, דו בינסט פון אונזערע ברידער, דו קאנסט לייענען און שרייבען, דו ווייסט אין וואס פאר א שטאנד די וועבער שטעהען. דיר טהוט דאס הארץ וועה פאר אונזערע וועבער, די ארעמע ברידער, דו זאלסט אונזער זאך אמאל אין די הענד נעהמען בכן.

יעגער: ווען עס ווענדעט זיך נאר אן דערויף, איז מיר דאס א גארנישט! אנו! די קרעטציגע הינד—די פאבריקאנטען, וואלט איך מיט פערגעניגען אמאל א שעהן זמר אויפגעשפילט. א געלעכטער איז דאס מיר, איך בין גוט, קריכט מען אבער אין די ביינער ארייין, און קום איך אין כעס הערייין, נעהם איך דרייסיכער'ן אין איין האנד, דיטריכ'ן אין דער אנדערער האנד און זעטץ זיי א קאפ אן א קאפ זייערע אזוי, אז פונקען פון די אויגען פליהט. ווען מיר אלע קאנען אונז צונויפנעמען אין איינעם נאר, קאן זיך פון אלע די פאבריקאנטען אזא קנאק געבען... אין דערויף מישט זיך קיין קיסר און קיין מלוכה הערייין, דא קאנען מיר פשוט זאגען: מיר פערלאנגען אזוינס און אזוינס און אנדערס וועט דאס ניט געהן, און אז ניט וועט'ס גאר אויף אנ'אנדערער אופן אנהויבען פייפען, ווען זיי זעהען ווי די שפול געהט, הויבען זיי אן אנדערס צו שפינען. די שטולע בריאות ציטערן ווי די הינד גוט!

מוטער בוימערט: ס'איז טאקע קרוב לאמת. איך בין געוויס קיין שלעכטע ניט, איך בין אייביג געווען אזוינע, וואס האט געזאגט אז רייכע מוזען אויך זיין, אבער ווען אזוינס שוין קומט, אה דאמאלס....

יעגער: ווען דער שווארץ יאהר נעמט זיי אלעמען צו פארגין איך עס אט דאס גאנץ בעשאף זייער'ס מיט'ן גאנצען הארצ'ן.

בערטהא: וואו איז דאס דער טאטע? (דער אלטער בוימערט איז שטילערהייד הערויס).

מוטער בוימערט: איך ווייס ניט וואו ער קאן זיין.

בערטהא: אפשר....? ער איז פון פלייִשיִגס אזוי אָבגעוואָהנט געוואָרען...

מוטער בוימערט: (אויסער זיך וויינענד) נו אט־זעהט איהר! נו אט זעהט איהר! ער קאָן אביסען ניט פאַרדייַען, ער גיט באלד דאָס גאַנצע ביסל רעכטע עסען צוריק אוועק.

דער אַלטער בוימערט: קומט ווידער, וויינענדיג פון פערדרוס) נייִן נייִן! מיט מיר האלט עס שמאָל, צו גוטס געבראַכט האָבען זיי מיר, דערוואַרט האָט מען זיך שוין יעה אַמאָל אַרעכט ביסען העראָבצושליִנגען, קאָן מען דאָס מעהר אין זיך ניט אייִנהאַלטען, (ער זעטצט זיך וויינענדיג אוועק אויף דער באנק נעבען אויוּוען).

יעגער: (פלוצלונג אויפגעבראכט, פאנאטיש) און דער צו איז נאָך דאָ אַזוינע לייַט ריכטער אין דאָרף גאָר ניט ווייַט פון דאַנגען טאַקי, פעמפעס, וואָס האָבען אַקייַלעבדיג יאָהר גאָר נישט וואָס צו טהאָן, ווי גאָטט אין הימעל טאָג פאַר טאָג אָבצונאַרען, אייִנרעדען פויגעלעך אין בוזען: די וועבער קאָנען גאַנץ גוט און וואָהל אויסקומענעס האָבען, זיי זענען נור פויל.

אַנזאָרגע: דאָס זייַנען גאָר קיין מענשען ניט. דאָס זייַנען אונמענשען, זייַנען דאָס!

יעגער: נו זאָל עס געהן, מאָלט אייך ער האָט געכאַפּט אַחלק. איך און דער געלער קעקער האָבען איהם אַריין געגאָסען. און איידער מיר זייַנען אַוועק האָבען מיר איהם דאָס ליעד'ל פון „בלוט־נקמה" צוגעזונגען.

אַנזאָרגע: אָה, גאָטט, גאָטט! דאָס איז יענץ ליעד?

יעגער: יעה, יעה, איך האָב עס ביי זיך:

אַנזאָרגע: ס'הייסט דאָך מיין איך דרייססיכער ליעד, אָדער ווי.

יעגער: איך וועל אייך עס איבערלייענען.

מוטער בוימערט: ווער האָט דאָס ליעד אויסגעקלערט?

יעגער: דאָס ווייס קיין מענש ניט. נו הערט נור אַקאָרסט אוים (ער לייענט ווי א לערען אינגל ווארט פאר ווארט מיט אשלעכט נגינ'ה, אבער מיט א קענטיג שטארקען געפיהל. אלץ קלינגט: פערצווייפלונג, טרויער, שמער'ץ, מוטה, שנאה, רוף צו נקמה).

געטראַטען ווע־ט דער משפט דאָ
פיעל ערגער ווי אין בעהמען,

דָא אִיז נָאר אֵיינס:—אָהן דִין אוּן וָוארט
דָאס לֶעבֶּען גִיךְ צוּ גֶעהמֶען

דָא וֶוערט דֶער מֶענש גֶעמַאטֶערט לַאנג
גְלִיעד פַאר גְלִיעד גֶעצְווִינגֶען,
דָא דֶערצֶעהלֶען זִיפּצֶען פִּיעל,
וִוי מֶען אִיז גֶעבּוֹיגֶען

דֶער אַלטֶער בּוֹימֶערט: (פון דער ליעד פערכאפט, אויפ'ן העכסטען ארט גערירט, האלט זיך איין מיט אלע קרעפטען יעגערן ניט איבערצורייסען דעם געזאנג, האלט ניט אויס: שטאמלענדיג מיט לאכען און וויינען צו זיין ווייב) דָא וֶוערט דֶער מֶענש גֶעמַאטֶערט לַאנג, דֶער וואָס האָט דאָס גֶעשרִיבֶּען, מַאמֶע מַיינֶע, דֶער האָט דֶעם אמת גֶעוואוּסט, דאָס קאָנסט דוּ עדות זאָגֶען... ווִי זִינגט זִיךְ... דאָ דֶערצֶעהלֶען... וִוי?... זִיפּצֶען אַלֶע...

יֶעגֶער: וִוי מֶען אִיז גֶעבּוֹיגֶען.

דֶער אַלטֶער בּוֹימֶערט: דוּ ווַייסט דאָךְ פַּאר וואָס מִיר זִיפּצֶען אַזוֹי טאָג אוֹיף טאָג סַיי בַּיים לֶעגֶען זִיךְ סַיי בַּיים אוֹיפשטֶעהן.

יֶעגֶער: (אין דער צייט ווען אנזארגע ניט ארבייטענדיג אין טיע-פען טרויער צוזאמענגעבויגען זיפצט, די מוטער בוימערט און בערטהא נא-באנאנד די אויגען ווישען, לעזט ווייטער).

דִי לַייט דִי דְרֵייסִיכֶער. דִי הֶענְקֶער,
דִי מְשָׁרְתִים—אָט דִי וֶוערם.
וָואס יֶעדֶער שטֶעכט נָאגט אוּן צִיהט
בְּלוּט, אָדֶערן גֶעדֶערם
טַייוְולָאנִים אִין גֶעשטַאלט פוּן מֶענשֶען.

דֶער אַלטֶער בּוֹימֶערט: ציטערט פאר כעס און זעצט מיט'ן פוס אן ד'ערד) אָה טַייוואָלִים אִין גֶעשטַאלט פוּן מֶענשֶען!!!

יֶעגֶער: (לייענט).

אוֹיסוואוּרפֶען, אִיהר וִויסטֶע שלֶעק,
טַייוְולאָנִים, שֶעדלִיכֶע מִיקרָאבּ׳ן,

אִיהר פְרֶעסט ד'ם אָרְמֶענס הָאב און גוּט
אַלִיכְטִיג גֵהִינוֹם וֶועט אִיהר הָאבֶּען.

אַנזאָרגעָ: נוּ יעָה, יעָה, אַלִיכְטִיג גיהוֹנם ווֶעט אִיהר הָאבֶען.

דעֶר אַלטעֶר בּוֹימעֶרט: (א פּויסט מאכענדיג, חויבט איהן אויף) אִיהר פְרֶעסט דעֶם אָר'מעֶנס האָב און גוּטס:

יעֶגעֶר: (לייענט).

דָא הֶעלפט נִיט מֶעהר קֵיין בִּיט און בָּאט
אוּמזִיסט אִיז אַל דָאס קלָאגֶען
„גֶעפֶעהלט אַייך נִיט—קָאנט אִיהר גֶעהן,
פַאר אֵיינס אוֹיך וִידוּי זָאגֶען".

דעֶר אַלטעֶר בּוֹימעֶרט: ווַי, ווַי זאָגט זיךְ דאָרטעֶן? אוּמזִיסט אִיז אַל דאָס קלאָגעֶן?.. יעֶדעֶר וואָ־ט... יעֶדעֶר וואָרט... דאָס אִיז אַלץ אַזוֹי רִיכטִיג קדש, ווִי אִין דעֶר תּורה גוּפאַ. דאָ העֶלפּט קֵיין בִּיט און באָט.

אַנזאָרגעָ: נוּ, יעָה! עָה, העָ, העָ! דאָ קאָן שׁוֹין קֵיין זאַךְ נִישט העֶלפעֶן.

יעֶגעֶר: (לייענט).

שְׁטֶעלט מֶען זִיךְ פָאר אָט דִיזֶע נוֹיטה
פוּן דִי אָרֶעמֶע קָרְבָנוֹת,
אִין שְׁטוּב קֵיין אֵיינְצִיג שְׁטִיקל בּרוֹיט
פֶערדִינט עֶם קֵיין רַחְמָנוּת

רַחְמָנוּת, הָאב אַ שֶׁערְן גֶעפִיהל.
אִיהר בּלוּט און מֶענשֶׁענפְרֶעסֶער פְרֶעמד.
יֶעדֶער וֵוייס גוּט אַייעֶר צִיעל
דָאס אִיז דִים אָרְמֶענס הוֹיט און הֶעמד.

דעֶר אַלטעֶר בּוֹימעֶרט: (שפּריגגט אויף ווילד ווי פוּן הויטץ) הוֹיט און העֶמד! אמת אַלץ רִיכטִיג, כ'אִיז דעֶם

אָרמענס הויט און העמד, אָט בין איך ראָבערט בוימערט וועבער-מייסטער פון קאַשבאַך. ווער קאָן קומען און זאָגען, איך בין אַנ'אָרענטליכער מאַן געוועזען, כל זמן איך לעב, און קוקט מיך אָן, ווי זעה איך אויס? וואָס האָב'ן זיי פון מיר געמאַכט דאָ ווערט דער מענש געמאַטערט לאַנג (ער ציהט די הענד אויס) געהמט אָן הויט און ביינער, אויסוואורפען, איהר וויסטע שלעק! (ער ברעכט אוים אין א געוויין און פאלט אין פערצווייפלונג אויפ'ן שטוהל).

אַנזאָרגע: (שליידערט דעם קארב אין ווינקעל, הויבט זיך אויף. ציטערט מיט'ם גאנצען גוף, שטאמעלט אויס) ס'מוז אַנדערש ווער'ן זאָג איך דאָ גלייך אויפ'ן אָרט. מיר ווילען מעהר ניט ליידען מיר ווילען מעהר ניט ליידען, עס מעג זיין, וואָס עס וויל.

ענדע פון צווייטען אקט.

דריטער אקט.

פערזאנען פון דריטען אקט.

בעֶקקעֶר

מאָרִיטץ יעֶגעֶר

דעֶר אַלטעֶר בוֹימעֶרט

דעֶר אַלטעֶר אַנזאָרגעֶ

וועֶלצעֶל—דער ווירטה פוֹן קרעטשים

אַננאַ וועֶלצעֶל זיין טאָכטער

רייזעֶנדעֶר

ווִיעגאַנד אַ כטאָליעֶר

האָרנִיג אַ קלייבער פוֹן שמאַטעֶס

אַ פוֹיעֶר

אַ וואַלד־אוֹיפזעֶהעֶר

ווִיטטִיג אַ שמיעד

קוּטשעֶ אַ זשאַנדאַרם

אַ קלֵיִין מעֶנגעֶ יוּנגעֶ אוּן אַלטעֶ וועֶבעֶר.

דריטער אקט.

א שענק-שטוב אין מיטען קרעטשים אין פעטערסוואלדאו. א גרויס צימער, אין מיטען א סלופ שפארט אונטער דעם באלקען. הערום סלופ א טיש. רעכטס פונ'ם סלופ אין דער הינטערוואנד אנ'ארייגאנג-טהיר. דורך די טהיר זעהט זיך ארויס פול פעסער און כלים צו ביער-ברויערייי.

אינעווייניג רעכטס פון דער טהיר אין ווינקעל,—דער שענק-טיש (בו-פעט). א הילצערנע וועגט'ל (פשעפערעניע) אויף א מאן די הויך מיט פאליצעס פאר שענק-כלים. א הינטער צו ווייטער—א וואנד-אלמער—דארטען אויסגע-שטעלט רייהען שנאפס-פלאשען. צווישען דער וועגטל און בראנפען-אלמער א קליין פלאטץ פארן שענקער. פאר דעם בופעט שטעהט אנ'אויסגעפוטצטער טיש, בעדעקט מיט א בונט-פארביגען (פיאָסטר'ן) טישטוך. איבערן טיש א שעהנער הענג-לאמפ; מעהרערע געפלאכטענע שטוהלען שטעהען הערום טיש. נים ווייט אוועק ביי דער רעכטער וואנד—א טיהר מיט אנ'אויפשריפט „וויינ-שטובע", פיהרט אין די ריינערע העלפט פאר אנשטענדיגע געסט. נאך ווייטער רעכטס קלאפט טיק-טאק אנ'אלטער שטעהענדער וואנד-זייגער. לינקס—פון ארייגאנג-טהיר ביי דער הינטער-וואנד שטעהט א טיש מיט פלאשען און גלעזער, ווייטערצו אים ווינקעל א גרויסער אויווען פון קאכלעס. אין דער לינקער זייטיגער וואנד דריי קליינע פענסטערלאך, אונטער זיי לענג-אויס ציעהט זיך א באנק; פאר די באנק אנטקעגען יעדען פענסטער שטעהט צו א גרויס הילצערנעם טיש מיט'ם שמאלען זייט צום וואנד צוגעקעהרט. ביי די ברייטערע זייטען פון די טישען,—בענקלאך מיט פארענצען, ביי דער שמאלע-דער זייט צו א הילצערנעם שטוהל. אינעווייניג הערייז צו אים צימער די וועגד דורכאויס בלוי געטינקעוועט, בעהאנגען מיט פלאקאטען, פראסטע בילדער, און וואלוועלע איול=ליטאגראפישע בילדער, אונטער זיי א פארטרעט פון פריעדריך ווילהעלם דעם IV-טען.

שאלץ וועלצעל א גוטמוטהיגער טועם גרויס באשאף (א ריעז) פון איבער 50 יאהר זייעט הינטער דעם בופעט ביער פון פאס אין א גלאז הערייז.

פרוי וועלצעל פרעסט ביים אויווען, זי איז א שלאנק-געוואקסענע דיין געקליידעטע פרוי, אונגעפעהר 35 יאהר אלט.

אננא וועלצעל א זיעבצעהן-יאהריגע שעהנע מיידעל מיט פראכט-פאללע רויט-בלאנדע האר זיצט ציכטיג געקליידעט מיט האנד-ארבייט בעשעפ-טיגט הינטער דעם געדעקטען טיש, זי רייסט זיך אנ'אויגענבליק אב פון דער

ארבייט און הערט זיך צו, דען אין דער ווייט גיעבען זיך אב טענער פון שול-קינדער וואס זינגען א בעגרעבנים-געזאנג.

מייסטער וויעגאנד, דער סטאליאר זיצט ביי איינעם פון די טישען, אין זיינע ארבייטס-קליידער ביי א גלאז באיערש ביער. ער איז א מענש אן וועלכען עס איז צו זעהען, וועלכער וויים, אז אום א וועלט דורכצוגעהן און א ציעל צו דערגרייכען דארף מען זיין פפיפיג, שנעל און ניט קוקענדיג אויף קיין זאך שפרייזען אלץ פארווערטס.

א רייזענדער זיצט ביים טיש, וואס געהט הערום סלופ, קייט מיט א פולם מויל א דייטשען ביפשטעקס, ער איז פון מיטעל'ם וואוקס, גוט אבגע-שטאפט, א פרעהליכער לונג און לעבער, לעבענדיג און פרעך, געקליידעט נאך דער מאדע נאך, זיינע נאטהווענדיגע רייזע זאכען: א סאק-וואיאזש, א קעסטעל מיט מוסטערן, א שירם, א פאלטא און א פליוש-דעקע ליעגען פא-נאנדער געלעגט הערום איהם אויף די שטיהלען.

וועלצעל: (צוטראגענדיג דעם רייזענדער א גלאז ביער,—און א זייט צו וויעגאנדען) דער טייוועל וויים, וואס היינט צו טהוט זיך אין פעטערשוואלדע.

וויעגאנד: (מיט א שארפען הילכיג'ן קול, ווי א טראמפייט) נו היינט גיט מען ס'דאך די ארבייט אב ביי דרייססיכערן אויבען דא.

פרוי וועלצעל: ס'איז אבער קיינמאל אזוי לעבענדיג ניט צוגעגאנגען ווי היינט.

וויעגאנד: נו ס'קאן פיליכט זיין ס'איז וועגען די צוויי הונדערט נייע וועבער, וואס ער וויל איצטער צונעהמען.

פרוי וועלצעל: (פרעסענדיג נאכאנאנד) יא, יא, דאס וועט ס'זיין מן הסתם. ער וויל א צוויי הונדערט, זיינען אפנים א זעקס הונדערט אנגעקומען. מיר האבען דא אט די סחורה גענוג.

וויעגאנד: אה גאטט, נאטט! נאך צו גענוג. און ווי זיי זאלען זיך ניט מאטערן, נעהמט זיי דער טוידט גאר ניט! פלאדען קינדער א'ף א וועלט מעהר ווי פיעל מע בעדארף (דער בעגרעבנים-געזאנג הערט זיך אין דעם מאמענט אלץ שטארקער) נו, אט קומט אויך די בעגרעבענעס אן. דער וועבער נעטוויך איז דאך געשטארבען.

וועלצעל: לאנג געצויגען, ניטא וואס צו ריידען. שוין מיט א יאהר קעריק איז דאס א שארבען ניט א מענש אומגעגאנגען

וויעגאנד: ס'ט גלויבען וועלצעל אזא מין קליין-דארי ביג טרונעלע פאר אמענשען האב איך נאך קיינמאל אין מיין לעבען ניט צונויפגעקלאפט. א מת'ל אביס'ל קיין ניינציג פונט ניט געוואויגען אין גאנצען.

דער רייזענדער: (קייענדיג) איך פערשטעה בלויז ניט.. און מען גיעבט נאר אקוק אין וואסער ס'וויל א צייטונג דאר־טען לייענט מען נאר די שווידערליכסטע געשיכטען איבער די וועבער־נויט, מען קריגט אזא בעגריף פונקט ווי דריי פערטיל פון זיי זיינען שוין פון הונגער פארגאנגען. און אז מען גיבט אויף אזא מין לויה אקוק־איך בין גראד דאמאלס אין דארף העריין געפאהרען—אן'ארקעסטער מוזיק, דער שול־לעהרער, שיהלער, דער פאסטאר, און אן'עק מיט מענשען אהינטער צו, מיין גאטט, א פאראד אביסעל,—פונקט ווי דער קיסר פון כינא ווערט דא בעגראבען. יעה ווען לייט קאנען זיך אזא זאך פאר־גינען, בעצאהלען דערפאר...! (ער טרינקט ביער, נאכדעם ווי ער האט דאס גלאז אוועקגעשטעלט פלוצלונג, מיט א פרעך לייכטזיניגער שטים) ניט וואהר, פריילין? בין איך ניט גערעכט?

אננא: (שמייכעלט אין פערלעגענהייט, העפט מיט התמדה ווייטער)

דער רייזענדער: געוויס אפאר שטעק־שיך פאר'ן הער פאפא.

וועלצעל: איך וואלט אזוינע מיני חפצים אויפן פוס ניט אנגעטאהן אפילו.

דער רייזענדער: נו הערט זיך נאר אביסעל איין! אהאלבען איינענם מיינס וואלט איך איועקגעגעבען, ווען די פאנטאפעל וואלטען פאר מיך געמאכט געווארען.

פרוי וועלצעל: אף אזוינע זאכען זיך צו פערשטעהן האט ער איינמאל קיין שכל ניט.

וויגאנד: (נאכדעם, ווי ער האט זיך עטליכע מאל אבגעהוסט רוקט ער זיין שטוהל אונטער, צובערייטענדיג זיך א שמועס צו פארפיהרען) פילאי פלאים האט דער הער אט איבער די לויה געזאגט טאקי, נו זאגט נאר איהר בעל־הבית'טינקע קרוין דאס איז דאך ביי אונז א פשוטע לויה, אה?

דער רייזענדער: יע דאס פרעג איך מיר טאקע... דאס מוז דאך א שטיין גאלד אבקאסטען? וואו נעהמען דאס די לייט אזוינע געלד, וואו?

וויגאנד: זיי וועלען מוחל ענטשולדיגען דערעלע, דאס איז א פראסטקייט, ביים עולם דער קאפ האפט ניט,— מען מאכט זיך אזא בער איבער יענעם כבוד, וואס מען דארף דעם נפטר אבגעבען. שטארבען דאס למשל, עלטערן אב—איז שוין אזא מנהג א הבל'דיגער—רייכט און בייסט מען פון די קינ־דער אדער יורשים דאס לעצטע אויס, און קאנען די קינדער

ניט דערגעבען, ווערט ביי אַ שכן אַ מאַנגאַט געבאָרגט און געזאָרגט. און אַזוי קריכט מען אין חובות ביז איבער די אויערן הערײַן! זײַן הויכווירדיגקײַט דעם פאַכטאָר, בלײַבט מען אַ בעל חוב, דעם שמש, דעם קליינגער באַזונדער און די אלע איבעריגע הערום. און דאָס עסען טרינקען, פערבײַסען און דערגלײַכען בעדער־פּניסען. נײַן און נאָך אַ מאָל נײַן! כבוד אָבגעבען עלטער'ן איז אַ שעהנע מידה אודאי, אָבער ניט אַנאַנץ לעבען זיך ניט קאָנען אויסצאָהלען פאַר טוידטע!—

דער רייזענדער: ערלויבט נאָר, דאָס האָט דאָך דער פּאַסטאָר נעדאַרפט דעם עולם קלאָר מאַכען.

וויגאַנד: זיי וועלען אַזוי גוט זײַן ענטשולדיגען, מײַן הער, איך מוז אײַך אויפמערקזאַם מאַכען, דאָס ביי אונז האָט יעדער קהלה אַנ'איינען מקום תפלה און זי מוז זײַן הויכווירדיגקײַט דעם נשמה־פערזאָרגער אַליין אויפהאַלטען. ביי אַזוינע גרויסע לויה'ס, האָבען די איבעריגע כלי קדש איהר שעהנע הכנסה דערביי! וואָס די צאָהל פון די מלוים איז גרעסער, אַלץ פליצען די נדבות צו אַלץ גרעסער. ווער עס קען די פערהעלטניסע פון די היגע אַרבײַטער, דער קאָן אַ ראיה אַ קלאָהרע ברענגען אַז גאָטטס „ערד־פיהרער", די היילינגע, היע האָבען אַ קליינע שטילע בעגרעבענעם גאָר ניט ליעב.

האָרניג: (קומט הערײַן, אקליינער, אקרומער זקן, א טארבע אויף א פאס איבערן פּליצע און ברוסט דורך אויפגעהאנגען, ער איז א שמאַטע־קלייבער) אַ שעהן גוטען טאָג אַ אַ־ך. אַ פּראָסט גלעזעל וואָלט איך בעטען. נו יונג בעל־הבית'טשעצקע איז עפּעס פאַראַן אַלטוואַרגס? פריילען אַננאַ! שעהנע האָר־שטענגעס, העמד־בענדער, פוס־בענדער, האָב איך אין וועג'ל, שעהנע שפּילקעס, האָר־נאָדלען, העקלאַך־מאַנגעלאַך, ווײַבעלאַך, פוטעלקעס, די גוטע אַלץ ניעב איך פאַר אַ פּאָר שמאַטעס אָב (מיט א פערענדערט'ם קול) פון די שמאַטעס ווערט שעהן־קלאָר פּאַפּיר געמאַכט, און אויף דעם שרײַבט דער חתן דער אוצר טײַערער אַ שעהן ליעב בריוועלע אויף.

אַננאַ: אַ שעהן דאַנק, איך דאַרף קיין אוצר ניט.

פרוי וועלצעל: אָט אַזוי ווי איהר זעהט, אַזאַ מין יידל איז דאָס,—פון חתונה האָבען וויל דאָס גאָר ניט הערען.

דער רייזענדער: שפּרינגט אויף זעהר איבעראַשט פון שמחה געהט צו צום געגרייטען טיש און שטרעקט אנגען די האנד אוים) אָבגעמאַכט, פריילין, טהוט פונקט ווי איך! ברידערשאַפט, אַ פּאַטש מיר אין האַנד הערײַן! מיר ביידע בלײַבען פריי ניט חתונה געהאַט.

אַננאַ: (רויט ווי צונטער גיט איהם די האנד) זיי זיינען דאָך שוין פערהייראַטה.

דער רייזענדער: אָ גאָטט, בעוואַהר, איך מאַך מיר בלויז אַזוי, איהר דענקט מן הסתם, ווייל איך טראָג דעם רינג?! איהם האָב איך בלויז אָנגעטהאָן אום מיין לויכטיגע פערזאָן פון אַ בייזען אָנפאַל צו בעשירמען, פאַר אייך האָב איך קיין מורא (ער לעגט דעם רינג אין קעשענע העריין) זאָגט נור ערנסט; פריילען, קלערט איהר אַזוי קיינמאָל ניט, נו אַזוי אַקאַפּעצקע חתונה צו האָבען?

אַננאַ: (מיט'ם קאפ שאקלענדיג) נו נאָך אַ נייס.

פרוי וועלצעל: זי בלייבט אַ מיידעל אָדער סיידען עס וועט זיך עפּעס אַנ'אַנטיקל אונטערדרעהען.

דער רייזענדער: נו פאַר וואָס טאַקע ניט? איינער אַ רייכער מאַננאַט, אין שלעזיען, האָט מיט זיין מוטערס אַ דינסטמיידל חתונה געהאַט, און דער רייכער פאַבריקאַנט דרייססיגער האָט אויך אַ שולץ'ס *) אַ טאָכטער גענומען, זי איז האַלב ניט אַזוי שאָהן ווי איהר זיינט, פריילין, און איצט פאָהרט זי העררוים אין אַנ'עקיפּאַזש מיט דיענער אין ליוורעען. וואַרום דען ניט? (ער געהט איבערן צימער, ציהט זיך, טוישט די פיס) אַ טאַס קאַווע וואָלט איך טרינקען.

אַנזאָרגע: און דער אַלטער בוימערט (קומען העריין יעדער מיט א פאק און זעטצען זיך שטיל און הכנעה'דיג נעבען הארניג'ל צו ביים פאדערסטען טיש לינקס.

וועלצעל: אַ גוט ברוך הבא! פּעטער אַנזאָרגע, זעהט מען דיך ווידער אַמאָל אין די אויגען אָן.

האָרניג: ביזטו פאָרט אַמאָל פון דיין פארייבערטע נאָרע געקומען צוקריכען?

אַנזאָרגע אונבעהאלפען, אבהענדיג מיעד און לויטער פערשעמט) איך האָב ווידער אַמאָל אַנ'אָסנאָווע גענומען.

בוימערט: פאַר צעהן גראָשען וויל ער אַרבייטען.

אַנזאָרגע: איך וואָלט עס קיינמאָל אויפן לעבען ניט געטהאָן נאָר מיט די קאָשיקעס־פלעכטערי האָט שוין אויך אַ סוף גענומען.

וויעגאַנד: ס'איז אַלץ בעסער ווי גאָרנישט. ער טהוט דאָך דאָס אַלץ איהר זאָלט האָבען אַרבייט. איך בין זעהר גוט בעקאַנט מיט דרייסיגערן, מיט אַכטאָג צוריק האָב איך ביי איהם

*) שולץ א סטאראסטע.

די דובעלט־פענכטער הערויס גענומען, האבען מיר דעריבער גערעדט. ער טהוט דאס מעהר ניט בלויז פון בארעמהערציג־קייט וועגען.

אנזארגע: נו יע. נו נעע נעע.

וועלצעל: (אוועקשטעלענדיג צו א גלעז'ל בראנפען פאר יעדער וועבער) נו אט איז עס, נו זאג נאר, אנזארגע, ווי לאנג האסט דו זיך שוין ניט ראזירט, הא? דער הער וואלט עס גריילין וועלען וויסען.

דער רייזענדער: (שרייט אויס) אך הער ווירטה, איך האב דאס גאר ניט געזאגט. דער הער וועבער מייסטער האט זיך מיר אין די אויגען נעווארפען מיט זיין בכבוד'ן פנים. אזעלכע ריעזען־געשטאלטען מאכט זיך דאך ניט אפט צו זעהן.

אנזארגע: (פערלעגען, קראטצט דעם קאפ) נו יא יא־נו נעע נעע.

דער רייזענדער: אזוינע ימים־קדמונים גבר'ן זיינען ביי היינטיגען טאג א זעלטען. מיר זיינען פון דער קולטור נאר בעלעקט... מיט פרייד קוק איך דאס גאר אמאליגע אן. איהר אוראלטע גרויסע נאטור געוויקסיגקייט, אזוי איינע פארוואקסענע ברעמען, ווילדען בארד...

הארניג: נו זעהען זיי, ווערטהער הער, איך וועל זיי אפאר ווערטער זאגען: ביי די היגע לייט קלעקט ניט קיין געלד א רעזירער צו געבען, און א ראזיר־מעסער קאנען זיי זיך אודאי ניט קויפען. ווי עס וואקסט, אזוי וואקסט עס. אמראה צו בע־קומען קאנען זיי אגראשען ניט אויסגעבען.

דער רייזענדער אבער ביטע, ליבער מענש, אבער איך... (שטיל צום ווירטה) דארף מען דעם הארינגען מענשען א גלאז ביער אנבאטען?

וועלצעל: בעהיט גאט, דער נעהמט נישט... ער האט אין זיך מאדנע ניטען.

דער רייזענדער: נו איז ניט. איהר ערלויבט, פריי־לין?... (ער זעטצט זיך נעבען געגרייטען טיש) איך פערזיכער אייך אייערע האר האבען מיר זיך גלייך אין די אויגען הערייננגעש־ניטען פון דער ערסטער מינוט, ווי איך בין נאר דען שוועל העריבער, זייער מאטער גלאנץ, זייער ווייכקייט, פולקייט (ער קוסט דערביי זיינע שפיץ פינגער) און די פארב זייערע... ווי גאל־דענער צייטיגער ווייץ, ווען איהר קומט מיט אזוינע האר אין בערלין לויפט מען אויפן וואונדער, פאראל דע האנייר*) מיט

---

*) אים פראנצויז—עהרען ווארט.

אזוינע האר האָץ פאר'ן קיסר אליין... אבשפארענדיג זיך א היני טער בעטראכט ער די האר) פראכטפאל, איין ווארט פראכטפאל.

וויעגאנד. דערפאר האט מען זי אזא שעהנעם צו־ נאהמען געגעבען.

דער רייזענדער: ווי רופט מען זי דען?

אננא: (לאכט נאכאנאנד אין זיך) אה, הערט איהם, וואס ער זאגט!

הארניג: דאס איז דער פוקס?—ניט אמת וואס?

וועלצעל: נו הער אבער אויף! איהר פערדרעהט מיר דאס מיידעל דעם קאפ! זיי האבען איהר שוין גענוג א מוח אנגעהאקט! היינט וויל זי א גראף, מארגען וועט זי שוין א פרינץ וועלען.

פרוי וועלצעל: האק דו ניט דעם מיידעל אין מוח און מאך איהר ניט שלעכט. ס'איז ניט קיין חטא, ווען אמענש וויל געהן העכער ווי דער ערד. ווי דו קלערסט, קלערט אודאי אוועלט מענשען ניט. עס וואלט שעהן אויסגעזעהען נאך דיין דעה נאך—וואלט זיך קיינער פון פלעק ניט גערירט, אלע וואלטען אויף איין ארט געבליבען זיצען. ווען דרייסיג יאהר צוריק וואלט אזוי געדאכט ווי דו, וואלט ער א בעטלער—א וועבער געבליבען איצט זיינען זיי גבירים אדירים. דער אלטער טראמטרא איז מעהר ווי אנ'ארעמער וועבער ניט געוועזען, און איצט האט ער צוועלף גרויסע הויפען אויפ'ן לאנד. און איז דערצו אין „אדעל-שטאנד" העריין.

וויעגאנד: לויטער אמת, יעדער ווארט אמת, וועלצעל אין דער זאך איז דיין ווייב אויפ'ן ריכטיגען וועג. איך התנה זיך מיט ביידע הענד דערויף אונטער, וואלט איך אזוי ווי דו געדאכט, וואו וואלט איך איצט מיינע זיעבען געזעלען גענומען.

הארניג: דו קאנסט דיין עסק גוט, פריינד, און אונ־ פריינד וועט ס'זאגען. דער וועבער געהט נאך א פרישער א גע־ זונדטער אויף די פיס הערום,—מאכסטו איהם א טרונע שוין פארטיג.

וויעגאנד: מען מוז דערקענען אן די באקען, ווי די ציינער קנאקען.

הארניג: אהא דערקענסט דו גוט! דו ווייסט ניבער פאר'ן דאקטאר, ווען דעם וועבערס קינד מיט דער נשמה פאכט.

וויעגאנד: (קוים שמייכלענדיג, פלוצלונג מיט רציחה פול) און דו ווייסט בעסער פון פאליציי, וואו די קלעפעדיגע הענד ביי די וועבער הענגען, וואו ווער עס מאכט זיך אגוט פארל

שפולכ'לאך פאר זיך אן, דו קומסט כלומרש'ט נאך שמאטעס, און אז ס'מאכט זיך צועהט מען זיך אביסעל שפין־פאדעם צו—הא?

הארניג: און דו קלאפסט דיין היונה'לע פון בית עלמין־ וויצען ניט שלעכט אוים. מיט א קבר מעהרער,—ווערט דיר אין ביישעל שווערער. ווען דו זעהסט א ראנד מיט פרישע קינ־ דערשע קברים פון ס'ניי,—פאטשט דו זיך אין בייכעלע און זאגסט א גוט יאהר געווען ווידער היי יאהר; קליינע אופעל'אך זיינען ווי פליגען געפאלען, מאג איך מיר נאך אפאר פלעשע־ לאך אין וואך הערייגזופען סמיעלע.

וויעגאנד: דערפאר בין איך טאקי נאך עד היום קיין טאטע פון גנבות ניט געווארען.

הארניג: נאר א צוויי־איגען חשבונד'ל א פאבריקאנט א מאל גיעבסט דו א מאך אה? ציעהסט דוקא אפאר איבעריגע ברעטלאך ביי דרייסיכערן צו, ווען די לבנה האפט ניט אזוי ליכטיג אונטערשיינען גראדע.

וויעגאנד: (קעהרט זיך מיט דער פלייצע אום צו איהם) רייד מיט וועמען דו ווילסט, נאר ניט מיט מיר (פלוצלונג: ווידער) ליגנער געמיינער!

הארניג: קברים־עסער!

וויעגאנד: (צו די הערום'יגע) ער קאן כשוף־קונצען מיט די בהמות מאכען.

הארניג: זעה נאר איך זאל מיין קונץ מיט דיר ניט מאכען, היט די פעל (וויעגאנד ווערט בלייך).

פרוי וועלצעל: (איז געוועזען הערויסגעגאנגען, קומט הע־ ריין, שטעלט קאווע פאר דעם רייזענדען) זאל איך אייך די קאווע אפשר אין שטיבעל הערייגטראגען בעסער?

דער רייזענדער: וואס רעדט איהר! (מיט א שמאה'ענ־ דען בליק אויף אנגען) דא וויל איך ביז מיין לעצטער מינוט זיטצען בלייבען.

א יונגער וואלד־אויפזעהער און א פויער: (דער לעצטער מיט א בייטש, קומען הערייו) גאטט העלף (ביידע בלייבען בי'ם געזימס פון בופעט שטעהן).

דער פויער: צוויי אינגבער־שנאפסען פאר אונז.

וועלצעל: א גוט מארגען ביידען־אנאנדער (ער גיסט דעם געוואונשענעם שנאפס אן; ביידע נעהמען די גלעזלאך, קלאפען לחיים, טרי־קען אוים און שטעלען אויפן בופעט צוריק).

דער רייזענדער: נו. הער אויפזעהער, א מארש א רעכטען דורכ'ן וואלד געמאכט:

וואלד־אויפזעהער: א נישקאשה'דיגען, איך קום פון שטיינזייפערש דארף.

(ערסטער און צווייטער אלטער וועבער קומען הערייז און זעטצען זיך נעבען אנזארגע, בוימערט און הארניג צו).

דער רייזענדער: ענטשולדיגט, זיינען זיי דער וואלד־אויפזעהער ביי די גראפען האכהיים.

וואלד־אויפזעהער: ביים גראפען קיל בין איך.

דער רייזענדער: טאקי, טאקי, אזוי האב איך גע־מיינט צו זאגען טאקי. דאס איז שוין אזא בייזע נערעטענעם דא אויף די אלע גראפען, באראנען און אנדערע לויכטיגע לייט. מע' דארף א זכרון פון גוג און מגוג די גרויס האבען אלע זיי צו געדענקען.... צו וואס טראגט איהר די האק, הער וואלד־אויפזעהער.

וואלד־אויפזעהער: דאס האב איך ביי די געהיליך־גנבים צוגענומען.

דער אלטער בוימערט: ביי אונזערע אויבריגקייט־איז יעדער פאר שייטלעך האלץ אנ'עולם ומלואה.

דער רייזענדער: ערלויבט נאר, ס'קאן דאך אויך ניט זיין אזוי, אז יעדער זאל קומען און נעהמען...

דער אלטער בוימערט: ענטשולדיגט און האט קיין פאראיבעל ניט. דא געהט עס צו ווי אומעטום אין א וועלט מיט קליינע און גרויסע גנבים, דא זיינען דא אזוינע, וואס פיהרען די גרעסטע עסקים און ווערן רייך פון גע'גנבה'טע האלץ... ווען אבער אנ'ארעמער וועבער...

ערסטער אלטער וועבער: (האקט איבער בוימערטן) מיר טאר'ן אריטעל ניט אנריהרען, אז ניט ריהרט אונז די אויבריגקייט דעם גוף מיט די נשמה אן, און ציעהט אונז די הויט איבער די אויערן העריבער. דו צאהל שוטץ־געלד, צאהל שפין־געלד, פעלד־ארבייט פיהר אויס, אומזיסטע געגנג לויף, סיי דו ווילסט יעה, סיי דו ווילסט ניט...

אנזארגע: אזוי געהט עס שוין: לאזט דער פאברי־קאנט ביי אונז עפעס איבער—ציעהט עס דער פריץ מיט פולע הענד ביי אונז פון קעשענע הערויס.

צווייטער אלטער וועבער: (האט זיך ביים אנדערן טיש נעבענביי געזעצט) איך האב דאס דעם בעל חסד, דעם הערן, אין די אויגען גופא געזאגט: איהר וועט גיטיגסט מיר

ענטשולדיגען, הער גראַף—זאָג איך איהם השנאָ-הזי יאָהר קאָן איך אַזוי פיעל הויף-אַרבייט טעג ניט אָבטהאָן. איך לייי-קען עס ניט אָב נייןן! פאַר וואָס? זיי וועלען ענטשולדיגען. דאָס וואָס ער האָט ביי מיר אַליץ איבערגעפיהרט, מיין ברעקיל פערזעהטע פעלד אָבגעשווייגקט. איך מוז טאָג אויף נאַכט פראַצעווען אויף דורך צו לעבען קאַם... אַזאַן אויסגוס אַזוינער... עך ברידער, ברידער! איך בין מעהר ניט געשטאַ-נען און די הענד געבראָכען. אַזאַ שטיקעל פעלד, טראָגט זיך שטיקער-ווייז באַרג הערב, צו אַליץ קיילעכדיג גליטש שווימט מיר אין שטיבעל הערין; און דער שעהנער, טרייער קערנדל!... אָה גאָטט, אָה גאָטט. איך האָב אַזש די וואָלקען אייגגערי-סען, אַכט טאָג נאָכאַנאַנד האָב איך מיינע אויגען אויסגע-קלאָגט, אַז איך האָב באַלד די שיין ניט געזעהען... און דערנאָך אין בלוט שוויס אַכטציג שווערע וועגען ערד אויף בערג געמוזט שלעפען.

דער פויער: זעה אילה אַביסעל ער מאַכט דאָ. וואָס דער הימעל שיקט ניט אָן טאָרען מיר ניט ריידען. געהט אייך ניט אַזוי גוט, ווער איז אין דעם שולדיג, ווען ניט איהר אַליין? ווען אייך איז געגאַנגען גוט,—וואָס האָט איהר דאַמאָלס געטהאָן הא? אַליץ פערשפיעלט און פערזויפט. וואָלט איהר דאַמאָלס אַ גראָשען אָבגעשפאָרט, וואָלט ער זיך איצט דער גראָשען אין נויט אָבגעפונען און איהר וואָלט פאָדים און האָליץ ניט גנבה'נען בעדאַרפט.

ערסטער יונגער וועבער: (מיט איינגע קאמעראדען רעדט הויך דורכ'ן טהיר העריין) פויער קאָך אין זיסען און אין זויער בלייבט אַליץ פויער, לאָז האָץ ביז'ן האַלבען טאָג פאָפען.

בוימערט: (מיט כעס) אַ פעט ביינדעל איז אַ וועבער, יעדער זוכט אַ שבאָקצע צו טאָן.

דער פויער: אָה, איהר נבלות אָבגעמאָרעטע, צו וואָס טויגט איהר, הא? מיט'ן כאָבע קאָנט איהר געהן וואָס? קאָנט איהר אַ גלייכע „באָראָזדע" ציהען, אַ הייפעל גאַרבען אויפ'ן וואָ-גען דערלאַנגען. איהר טויגט מעהרניסט, ווי אויף הולטאַיען, אָדער מיט נקבות זיך צו וואַלגערן. איהר זיינט טינוף, איהר קאָנט אויך אויף וואָס נוטצען (ער בעצאהלט און געהט אוועק. דער וואלד-אויפזעהער געהט כיט אגעלעכטער נאך איהם הערויס. וועלצעל, דער סטאליאר, פרוי וועלצעל ראכען אויפ'ן קול, דער ווייזענדער אין זיך. ווען דאס געלעכטער הערט אויף, ווערט שטיל הערום און חערום).

האָרנינ: אַזאַ פּויער איז פּונקט—אַ בוהה.. אַבייזער!... ווען איך וואָלט מיט אייגענע אויגען ניט געזעהן, וואָס פֿאַר אַ דחקות דאָ אין די דערפֿער איז, וואָס זעהט מען זיך דאָרטען ניט אָן. אין פֿירען און פֿינפֿען נאַקעט ליגט מען אויף איין שטרוי־זאַק אין איינעם.

רייזענדער: (מיט א מילדען שטאך) לאָזט זיך נאָר דינען ליבער מאַן: איבער די נויט אין די בערג־דערפֿער איז נאָך אַ חילוק דיעות, ווען איהר קאָנט לייענען...

האָרנינ: אָה, איך לייען אַ ציַיטונג אַזוי גוט, ווי איהר! נעע, נעע, איך זאָל נאָך ניט וויסען, איך רייב מיך גענוג אונטער די לייט. ווען מען טראָגט פֿערציג יאָהר אַקאָפּ נאָר אויף די פּלייצעס, דערגעהט מען סוף כל סוף עפּעס וואָס עס איז. וואָס איז דען אין פֿוללערן געווען? דאָרטען האָבען ניט די קינדער קאָרמע צוזאַמען מיט די גענז פֿון די מיסט געקליבען. געשטאָרבען זיינען די מענשען—נאַקעט—הויל—וועבער־קליי פֿאַרשטונקענע האָבען אין טוידט אַנגסטען געפֿרעסען. הונדערטער, הונדערטער־וויַיז האָט זיי דער הונגער אויסגעלעגט איינס נאָך אַנאַנדער.

דער רייזענדער: ווען איהר לייענט מוזט איהר דאָך וויסען, אַז די רעגירונג האָט חוקר ודורש געווען יעדער מאָל אין דאָס....

האָרנינ: דאָס ווייס מען, דאָס ווייס מען: ס'קומט אַראָב אַמין אָדון פֿון דער רעגירונג, וואָס ווייס שוין אַפֿריהער אַלץ בעסער, ווי ער וואָלט מיט די אייגענע אויגען געזעהן, דער געהט זיך אַביסעל דורך, דורכ'ן דאָרף, וואו דער טייַכעל שפּריצט און וואו די שעהנע הייזער שטעהען. די שעהנע גלאַנציגע שטיוועלאַך וויל ער וויַיטער געהענדיג ח"ו ניט שמוטציג מאַכען: ס'איז דורכאויס מן הסתם ביי די מענשען אַזוי שעהן ווי דאָ, קלערט ער, שטייגט ווידער העריין אין קאַרעטע און פֿאָהרט צוריק אַהיים. און ער שרייבט נאָך בערלין, ס'איז נאָר קיין נויט ניט געוועזן. וואָלט ער אָבער אַביסעל געדולד געהאַט און ער וואָלט זיך מטריח געוועזן אויפֿהויבען זיך אין די דערפֿער הערויף צו וואו, די קרעניצע פֿאַנגט אָן, און אויף יענער זייט קרעניצע אַריבער, וואו די קליינע חאַלופּקעס שטעהן, וואו די אַלטע נעסטען כיט שייבלאַך אויף די בערג דאָרטען, וועלכע זיינען אַזוי שוואַרץ און צושאַרפּעט, אַז ס'איז אַשוועבעלע—פֿייער אַנ'עברה אַזאַ מין צאַצע אונטערצוצינדען אַפּילו, דאַן וואָלט ער אַנ'אַנדער נוסח אין בערלין געשריבען.

צו מיר האבען זיי בעדארפט, די אדונים פון דער רעגירונג קומען פרעגען, די וואס ווילען אזוינס ניט גלויבען אז דא איז נויט פאראן. איך וואלט זיי אקאפ בעוויזען אויף צוקאוועסין. איך וואלט זיי געעפענט די אויגען, און די הונגער-נעסטען העריין בעוויזען אקאפינגע נאר. (מען הערט אין דרויסען דאס וועבער ליעד זינגענדיג)

וועלצעל: דאס זינגען זיי שוין ווידער דאס טאי-וועלש-ליעד.

וויעגאנד: זיי שטעלען דעם גאנצען דארף מיטים קאפ הערא ב מיט די פים הערויף איבער.

פרוי וועלצעל: ס'איז פונקט ווי עפעס אין לופטען הענגט, קאפיינגע פאר אשטורם גלייך. (יעגער און בעקקער ארם אין ארם געשלאסען, פאראויס, הינטער זיי אנאנצע מחנה יונגע וועבער קומען העריין מיט אליארם אין „הויז", און פון דארטען אין שטוב גופה העריין)

יעגער: עסקאדראן האלט! אויסגעזעצט אב! (די אנגעקומענע זעטצען זיך איים ארום פערשידענע טישען וואו עס זיצען שוי וועבער און פארפירען א שמועס).

האר ניג: (צו בעקקערן רופענדיג) זאג נאר וואס דרעהט איהר, וואס איהר שלעפט זיך גאנצענע וויבע-חברות צוזאמען?

בעקקער: (פיעל בעדייטענדיג) אפשר וועט זיך אמאל עפעס אויסדרעהען וואס אזוי, הא, מארינטין?

האר ניג: נו נאך וואס עפעס! מאך ניט קיין געשעפטען נאר.

בעקקער: ס'איז שוין בלוט גערונעי, צט, ווילסט זעהן (ער פארייסט זיין ארבעל הערויף און וויזט איהם אבלוטהיגען צייכען פון איינגעקריטצטע פאקען. אויפ'ן אויבערכטען הוילען ארם אויף איהם קוקענדיג, ווייזען אויך פיעל פון די אנדערע יונגע וועבער דאטועלבע ביי אנדערע טישען ארום)

בעקקער: ביים פעלדשער שמידט האבען מיר די פאקען געשטעלט.

האר ניג: איצט איז קלאר, אזא מהומה אויף אלע גאסען, אז אזוינע שלעק שליאנדערן איבערן דארף אום!

יעגער: (מאכענדיג קוראזש מיט אהויכען שטים) צוויי קווארט און גלייך וועלצעל! איך צאהל. מיינסט אודאי, איך האב ניט קיין קלינגערס, הא, ווען מיר וואלטען נאר וועלען קאן, סטייען אויף יין און קאווע דערצו ביז אויף מארגען אז'ש, אזוי גוט ווי א רייזענדער פונקט. (ס'ווערט אגעלעכטער אונטער די יונגע וועבער)

דער רייזענדער: (מיט אקאמיש ערשטוינונג) מיינט איהר דאס מיר אדער מיינט איהר דאס? (דער ווירטה', די ווירטהין און איהר טאכטער, דער סטאליאר וויעגאנד און דער רייזענדער לאכען)

יעגער: אלע מאל יענעם ווער עס פרעגט.

רייזענדער: ערלויבט נאר יונגער מענש אייערע עסקים קענטיג געהען זעהר גוט.

יעגער: איך קאן מיר ניט בעקלאגען. איך בין א רייזענדער פון גאלאנטעריי מאך מיטים פאבריקאנט חברותה די פרנסה,-העלפט אויף העלפט, וואס מעהר דער וועבער דארט, ווער איך אין גוף אלץ פעטער, וואס גרעסער די נויט,-אלץ גרעסער מיין ברויט.

בעקקער: דאס האסטו גוט געזאגט, זאלסט מיר לעבען, מארויטץ!

וועלצעל: (האט די שנאפס געבראכט. צוריקקערענדיג צום בופעט בלייבט ער שטעהן, ווענדט זיך לאנגזאם מיט זיין גאנץ קאלטבלוטיג—פאמעלאך און געמאסטענקייט ווידער צו די וועבער. מיט אקול ארוהיגען אבער פיעל בעדייטענדעם) לאזט דעם הערן צו רוה, ער האט אייך גארנישט ניט געטאהן.

שטימען פון יונגע וועבער (מיט אגעזאנג).

די לייט די דרייססיבער. די הענקער.
די משרתים—אט די ווערם.

וועלצעל: פששט, פששט!.. די ליעד זינגט „אז איהר ווילט. ביי מיר אין שטוב וויל איך דאס ניט הערען.

ערסטער אלטער וועבער: ער איז גאנץ גערעכט. הערט אויף צו זינגען.

בעקקער: פארביי דרייססיבער'ן מוז'ן מיר נאך אמאל פארבייגעהן.

וויעגאנד: ווערט אין גאנצען ניט משוגע. ער זאל אזוינע המצאות ניט כאפען שלעכט פארשטעהן.

דער אלטער וויטטיג: (אגרויער שמיעד, אהן א היטעל אין אלעדערנען פארטוך אין האלצערנע פאנטאפאל, פארשמירט אין סאזשע, וואס נאר פון קוזניע,—ווארט נעבען שענק־טיש אויף א גלעזעל שנאפס) לאז זיי הולען, אביסעל קונ'ן־שטיק מאכען. הינד וואס אסך בילען בייסען ניט.

שטימען פון ד'אלטער וועבער: וויטטיג וויטטיג

וויטטיג: אט לעבט ער נו, וואסווילט איהר?

שטימען פון ד'אלטע וועבער: „וויטטיג איז דא",
וויטטיג, וויטטיג, קום אהער, וויטטיג זעטץ זיך לעבען אונז!
„קום אהער צו אונז וויטטיג".

וויטטיג: איך וועל מיר נאך גוט בעקלערען, מיט
אזוינע חפצים זיך צו זעטצען.

יעגער: קום, מאך א כסה נאר.

וויטטיג: בעהאלט דאס דייניגע פאר זיך. וויל איך
א שנאפס קאן איך אליין בעצאהלען (ער זעטצט זיך מיט זיין גלעזעל
שנאפס צו בוימערט און אנזארגע צו, פאטשענדיג דעם לעטצטען איבערן בויך)
וואס האבען די וועבער פאר אנ'עסען? קרויט אין זויערן און
לייז אין זיסען.

דער אלטער בוימערט: וואס דען זשע? און ווען
זי זיינען ניט צופריעדען דערמיט, אה?

וויטטיג: (מיט אגעמאכטען ערשטוינען אויסגלאטשענדיג אנאריש
פאר אויגען אויף די וועבער) נו, נו, נו, זאג מיר נאר, היינערלע,
ביזט דו דאס, צו ניט? (ארויסזעצענדיג אגעלעכטער) מענשען איהר
מענשען איך פלאצ'ן פאר געלעכטער. דער אלטער בוימערט וויל
א בונט מאכען נ'אט וועל'ן מיר ס'האבען: איצט הויבען די שניי-
דער אן, שפעטער בונטעווען זיך די בעק אויף, שפעטער די
מייז און פאטצוקעס, אה רבונו דעלמא כולא, אט דא וועט
דאס אטאנץ אוועקגעהן. (ער טרייסעלט זיך פאר געלעכטער)

דער אלטער בוימערט: זעה נאר וויטטיג, איך נאך
איביג דער איינענער ווי פריהער. איך זאג נאך איצט אויך אז
מען וואלט געקאנט מיט גוטען, וואלט עס געוועזן בעסער.

וויטטיג: טינוף! וועט עס געהן מיט גוטען. וואו, ווער
גיט עס מיט גוטען? איז אין פראנקרייך מיט גוטען גענומען.
האט ראבעספיער די רייכע איבערן קעפל געגלעט. דארט'ן
האט עס קורץ געהייסען פון וועג האפ, און אויפן גיליאטינע
מארש... דאס מוז געהן—אלאן זאנפאן *) קיין געבראטענע קאטש-
קעס פליהען אין מויל ניט הערייין.

דער אלטער בוימערט: ווען איך וואלט האלב אויף
האלב מיין אויסקומענעס געהאט...

ערסטער אלטער וועבער: אונז שטעהט דאס וואס-
סער ביז איבערן האלדז צו וויטטיג.

צווייטער אלטער וועבער: מען מאג שוין באלד
גאר אהיים ניט געהן אפילו פראצעווען צו שראף, אזוי צו
אזוי ווערסטו פון הונגער געשוואלען.

*) די ערסטע פאר ווערטער פון דער פראנצ. מארסעליעזע „קומט קינדער" דער איב:

ערסטער אַלטער וועבער אין דער היים גערט מען נאָר פֿון זינגען הערב.

דער אַלטער אַנזאָרגע: מיר איז שוין איצט אַלץ איינס: ווי ס'וועט ניט זיין, אַזוי צו אַזיי.

שטימען פֿון ד'אַלטע וועבער: (מיט אנ'אויפרעגונג ה.אם שטייגט וואס פון מינוט). „ערגיץ האָט מען קיין רוה", ס'הויבט ניט די הענר צו דער אַרבייט „אויבען ביי אונז אין שטעענקונצענ־דאָרף זיטצט איינער דאָרטען שוין אַגאַנצען טאָג ביים טייך, מוטער־נאַקעט ווי גאָטט איהם בעשאַפֿען האָט, און וואַשט זיך... יענעם האָט עס גאָר דעם מוח צומישט.

דריטער אַלטער וועבער: (הויבט זיך אויף ווי פון א רוח נבואה אויפגעפלאכט פאנגט אן מיט „התלהבית" צו רעדען, אויפהויבענדיג דערביי זיין פינגער) משפט, רופֿט גאָטט הויך אין די לופֿטען! באַהעפֿט זיך ניט צו די רייכע און פֿאָרנעהמע! דין און משפט שוועבט אין די לופֿטען. דער אַלמעכטיגער גאָט...

(אייניגע לאכען, ער לאזט זיך הערונטער אויף זיין ארט.

וועלצעל: דער נאָר אויך, ווי ער כאַפּט נאָר איין איינציג גלעזעל הערייַן, אַזוי פֿאָהרט אין קאָפּ ביי איהם שוין הערום.

דריטער אַלטער וועבער: (רופט ווידער אויס) האַ! זיי גלויבען אין קיין גאָטט ניט. ניטאָ קיין „דאָ" און קיין „דאָרטען" אמונה־איז אַ שפּיי ווערטה.

ערסטער אַלטער וועבער: נו, גענוג דיר, גענוג!

בעקקער: לאָז דעם מענשען א וואָרט רעדען. אַ האַרץ שפירט א הארץ. אַ וואָרט מאַכט אנ'אָרט־זאָל ער ריידען, „לאָזט איהם".

דריטער אַלטער וועבער: און דאַריבער פֿלאַקערט דער גיהנעם הויך, רייסט אויף מיט גלוטהען, און מיט פֿייער בלוטהען וועט ער אָהן אויפהער די אַלע וואָס גולנ'ען רויבען אָהן משפט די עלענדע דאָ אונטען, אַזוי זאָגט גאָטט אָן!...

(אנגעטומעל).

דריטער אַלטער וועבער: (פלוצלונג ווי א חדר יונגעל בעהט לייענען).

אוּן ווי וואונדערליך עס געהט,

ווען מען וויל עס רעכט בעטראַכטען,

ווען מען דעם לייַנוואַנד־וועבערס אַרבייט

וויל פֿעראַכטען.

בעקקער: מיר זיינען דאך אבער בארכענט־וועבער.

(געלעכטער).

האָרניג: די לייוואַנד־וועבער זיינען נאָך פיעל עלענדער זיי בלאַנדזען ווי שאָטענס צווישען די בערג אַרום. איהר האָט דאָ נאָך מוטה צו בונטעווען.

וויטטיג: קלערסטו אַז דאָס ערגסטע איז שוין אַריבער? דאָס ביסעל מוטה, וואָס זיי האָבען אין זיך, וועלען זיי די פאַבריקאַנטען הערויסיאָגען אין גאַנצען.

בעקקער: ער האָט דאך געזאָגט, אַז די וועבער וועלען נאָך פאַר אַפּענען ברויט מיט קעז אַרבייטען.

(א טומעל).

פערשיעדענע אַלטע און יונגע וועבער: ווער האָט דאָס געזאָגט?

בעקקער: דאָס האָט דרייססיגער וועגען די וועבער געזאָגט.

יעגער: הער נאָר אַמאָל אוים, וויטטיג, דו האָסט אַלע מאָל אַזוי פיעל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן דערצעהלט. מיט פולען מויל וועגען דעם גערעדט, נו אָט קאָן דאָ באַלד אַן־עסק זיך פערדרעהען וואו איטליכער זאָל ביי אונז אויף אַן־אמת'ען הערויסווייזען בעדאַרפען, וואָס ער איז, אַ בעריהמער אָדער אַ מענש מיט אַ וואָרט.

וויטטיג: (מיט צארן אויפגעפלאקערט) און נאָך איין וואָרט, דו שנעק האָסטו ווען געהערט קוילען פייפענדיג? בויזט דו אויף פאָרפאָסטען נעבען שונא'ס לאַנד געשטאַנען?

יעגער: נו, נו, ברען ניט אַזוי, מיר זיינען גוטע ברידער. איך האָב עס נאָר אַזוי שלעכט ניט געמיינט.

וויטטיג: איך שפיי אויף דיין גוט־ברידערשאַפט.

זשאַנדאַרם קוטשע (קומט הערײן).

מעהרערע: שטימען צ—ס—ס—ס צ—ס—ס—ס—פאָליציי!

(מען ציסקעט פון אלע זייטען, ביז עס ווערט צולעטצט שטיל).

קוטשע: (ביי טיעפען שווייגען זעטצט זיך אנידער ביין טיש פון מיטעלסטען סלופ), אַ קליין קאָרן—שנעפס'ל, מיר (ווידער שטיל).

וויטטיג: נו, קוטשע האָט מען געשיקט אַקוק טהאָן וואָס דאָ טהוט זיך, הא?

קוטשע. (וויטטיג'ן זיך ניט מאכען הערענדיג) אַ גוטען טאָג, אָ מייסטער וויעגאַנד.

וויעגאַנד: (שטעהט נאך אליך ביים בופעט).

קוטשע: ווי געהט די געשעפטען?

וויענענד: אַ דאַנק פאַר פרעגען.

בעקקער: דער פערוואלטער זיינער האָט מורא מיר זאָלען זיך דעם מאָגען ניט פאַרדאַרבען פון די צו פיעל שכירות, וואָס מיר קריגען.

יעגער: דעם אמת וועלצעל דערצעהל. אַנו ווי מיר האָבען געבראָטענס געגעסען, מיט די גוטע פעטס בעגאָסען, קליאָטשקעס, זויערס די טייערע און איצט אַט וועלען מיר דאָס מיט די שאַמפאַניער פאַרטרינקען.

(געלעכטער הערום).

וועלצעל: אַט הינטען אַרום האָט הערויסגעשיינט די זון.

קוטשע: און אַז איהר זאָלט שוין האָבען די שאַמפאַניער מיט די געבראָטענס צוזאַמען, וועט איהר נאָך אַלץ נשקשה ניט זיין צופריעדען איך האָב אויך ניט אויף קיין שאַמפאַניער און עס מוז אַזוי רעכט ווער'ן.

בעקקער: (אנ'אנצוהערענים געבענדיג אויף קוטשעס נאז) ער גיעסט זיין קאָהל־רויטען אונערדק מיט בראַנפען און מאַרעץ־ביער אָן. גלאַנצט ער דערפון אַזוי צייטיג ביי איהם.

(געלעכטער)

וויטטיג: אַזאַ זשאַנדאַרם האָט גיט קיין גרינג שטיק'ל לעבען: איינמאל מוז ער אַ פאַרהונגערטען בעטליאַרטשיק אין לאָך הערייַן האַקען, ווידער אַ שיינענדיג וועבער־מיידל פאַר אַ נקבה מאַכען, דאַן ווי עס פיהרט זיך מאַכען אַ וואַזשנע כסה און דאָס איינענע ווייב האַפטיג דורכקלאַפען, אַז זי זאָל קוים לעבענדיג פאַר טוידט שרעקענעס קומען צו אַ שכן געפלויגען. און אַזוי זיך אויפן פערד גלאַט האָטשקען; און אין קיסענס זיך וואַל יען ביזן גרויסען טאָג, — דאָס איז גאָר קיין לייכטע שטיק'ל אַרבייט.

קוטשע: פלאַפעל, פלאַפעל, דו וועסט זיך ביז האַלדז און נאַקען דערריידען, מען ווייס שוין לאַנג, גוט ברודער, וואָס פאַר אַ פויגעל דו ביזט. דיין לאַנגער צונג גרייכט אַזש ביז דעם לאַנדראַטה אין די או'ערן הערייַן — מען ווייס. איך קאָן איינעם אַזוינעם, וואָס ברענגט טאָג אויף טאָג דורך שכרות און וואַלגערן זיך אין די קרעטשמעס ווייב און קינד צו בעטעל ברויט צו, און אַליין זיך אין טורמע הערייַן. אַזוינער וועט דאָ אויפהעטצען, אויפהעטצען דעם עולם אַזוי לאַנג, ביז עס וועט אַסוף אַשרעקליכער נעהמען.

וויטטיג: (מיט א ביטער'ם געלעכטער) ווער ווייס וואָס וועט זײַן. ס'קאָן זײַן אַז וועגען סוף האָסטו גראָד אַנ'אמת געזאָגט! (מיט צארן הערויסזעצענדיג) דערגעהט'ס ביז דעם, ווייס איך אָבער אויך, וועמען איך האָב צו פֿערדאַנקען דערפֿאַר, וואָס האָט מיר בײַ די פֿאַבריקאַנטען און אויבריגקײַט אײַנגעזאַלצען,— געשענדט און אײַנגעטונקט האַפֿטיג,—אַז איך זאָל אַ שטאָך אַרבײַט מעהר ניט בעקומען—ווער עס האָט דעם פֿויער אויף מיך אָנגערייצט און די מילנער אַזוי עס זאָל מיר אַ גאַנצענע וואָך ניט איין פֿערד אײַנצושמידען אויסקומען, ניט איין שינע אויף אַ ראָד אָנצוציהען. איך ווייס, דאָס ווייס איך, איך האָב שוין איינמאָל אָט די פֿאַסקודנע נבלה געשלעפּט פֿון פֿערד פֿאַרן גוף העראָב, דערפֿאַר וואָס זי האָט אַ קליין נאַריש־יונגעל פֿאַר אַ פּאָר גרינצע בערנעצקעס מיט'ם אַראַפּניק געשניטען. ברענגסטו מיר אין טורמע הערײַן, מאַך דאַן גלײַך אַ צוואָה און זאָג וידוי דערצו. הער נאָר עפּעס וואָס אַ קלאַנג וועגען דעם, האַפּ איך, וואָס עס פֿאַלט מיר אין האַנד נאָר אַרײַן, אַ פֿאָדקעווע, אַ האַמער, אַ ספּיצע פֿון אַ ראָד, אַנ'עמער—קריג דיך, און ווען איך פּאַק דיך אין בעט אַפּילו—שלעפּ איך דיר הערויס און צוזעטץ דיך דעם שאַרבען אויף ברעקלאַך,— אַזוי אמת, ווי מײַן נאָהמען איז וויטטיג (ער שפּרינגט אויף און וואַרפֿט זיך צום זשאנדארם).

אַלטע און יונגע וועבער: (איינהאלטענדיג איהם) וויט־טיג, וויטטיג האַלט זיך אָב.

קוטשע: (האט זיך ניט ווילענדיג אויפגעהויבען, זיין געזיכט איז בלאס, וועהרענד ער רעדט רוקט ער זיך אהינטער. וואס נעהענטער ער קומט צום טהיר, אלץ מוטהיגער ווערט ער ביי זיך. די לעצטע ווערטער זאגט ער שוין אויפן שוועל אויס, אום אין דער מינוט צו קענען פארשוואונדען ווערן) וואָס ווילסטו פֿון מיר? מיט דיר האָב איך קײַנע געשעפֿטען ניט. דיר האָב איך גאָרנישט געטהאָן. דו געהסט מיר אָן. אײַך וועבער אָבער מוז איך זאָגען: דער הער פּאָליציײַמײַסטער פֿערבאָט אײַך אײַער ליעד צו זינגען,— אָט די דרײַסיגער־ליעד, אָדער ווי זי הייסט דאָרט, און ווען דאָס זינגערײַ וועט ניט אויפֿהערע'ן, דאַן וועט ער שוין דערפֿאַר זאָרגען, אַז איהר זאָלט אין די הויכע פֿענסטער דאָר־טען אי פֿרײַע צײַט, אי רוה בעקומען. דאָרטען קאָנט איהר שמחת־תורה'ן בײַ ברויט און וואַסער אַזוי לאַנג, וויפֿיעל אײַער האַרץ גלוסט (געהט אב).

וויטטיג: שרייט איהם נאך) ער קאָן אונז גאָרנישט פֿער־

ביטען. און חאָץ ווען מיר מעגען ברילען אַזוי, אַז די שוי־בען ציטערן, און ווען מען הערט אונז אַזש אין רעכענבאַך אַפילו, און ווען מיר זינגען אַזוי, אַז ביי אַלע פֿאַבריקאַנטען די הייזער פֿון געשריי אויף די קעפּ פֿאַלען, און ביי די פֿער־וואַלטער די קאַסקעס אויף די מוחות טאַנצען—האָט עס צו קיינעם ניט.

בעקקער: (איז דערווייל אויפגעשטאנען, האט מיט א פאנטא־מימע א צייכען צום זינגען געגעבען, און פאנגט אליין אן מיט אלעמען אין איינעם).

גֶעטראָטען ווערט דער מִשפָּט דאָ
פיעל ערגער ווי אין בעהמען,
דאָ איז נאָר איינס:—אָהן דין און וואָרט
דאָס לעבען גיך צו נעהמען

דער ווירטה זוכט צו בערוהיגען, מען הערט איהם אבער ניט. וויעגאנד האפט זיך ביי די אויערן פעסט און אנטלויפט. די וועבער הויבען זיך אויף און לאזען זיך הערוים מיט געזאנג. פון דעם וויטערדיגען פערז נאך וויטטיג און בעקקערן אהינטער. די לעצטע גיעבען מיט'ם וואונק א צייכען, אז אלע זאלען הערויסגעהן).

דאָ ווערט דער מענש געמאַטערט לאַנג
גליעד פאַר גליעד געצויגען,
דאָ דערצעהלען זיפצען פיעל,
ווי מען איז געבויגען

(דאס גרעסטע טייל וועבער זינגען דעם פאלגענדעם פערז שוין אויפן גאס, נאר איינגע יונגערע וועבער זיינען נאך אין שטוב ביים אבי־צאהלען. צום סוף פון נעכסטען פערז, ווערט אין שטוב לעדיג, ס'בלייבען נור: וועלצעל זיין פרוי, זיין טאכטער, הארניג און דער אלטער בוימערט).

אויסוואורפען, איהר וויסטע שלעק,
טייוולאַנים, שעדליכע מיקראָב'ן,
איהר פרעסט ד'ם אָרמענס האָב און גוט
אַליכטיג גהינום ווערט איהר האָבען.

וועלצעל: (נעהמט מיט א קאלטקייט די גלעזער צוזאמען) זיי זיינען היינט גאר אויסען הויט געווארען.

דער אלטער בוימערט: (האט בדעה צו געהן).

הארניג: נו זאג נאר, בוימערט, אויף ציקאוועסץ וואס בעדייט דאס אלץ?

דער אלטער בוימערט: צו דרייססיכערן קלייבען זיי זיך, זעהן ער זאל זיי עפעס שכירות צולעגען.

וועלצעל: דו האלסט אויך יד אחת מיט די משוגעים, די יונגע.

דער אלטער בוימערט: באגרייף נאר, וועלצעל, אן מיך ווענדט זיך דאס ניט. א יונגער טהוט און קאן,—א אלטער מוז (אביסעל פערלעגען, געהט אב).

הארניג: ס'וועט זיין א וואונדער, אז ס'וועט גלאט אוועק.

וועלצעל: האבען די אלטע תרח'ס אויך די מארך פערלוירען.

הארניג: יעדער מענש נארט

ענדע פון דריטען אקט.

פיערטער אקט.

פערזאנען פון פיערטען אקט.

בעקקער

מאריטץ יעגער

דער אלטער בוימערט

דער אלטער אנזארגע

דריססיגער

פפייפער

וויטטיג

קוטשע

פרוי דריססיגער

קיטטעלהויז פאסטאר

פרוי קיטטעלהויז

וויינהויז קאנדידאט פון טהעאלאגיע, הויז־לעהרער ביי דרייססיגער.

הײדע פאליציי־פערוואלטער

קוטשער יאהאן

יונגע און אלטע וועבער און וועבער־פרויען.

פיערטער אקט.

פעטערסו׳אלדאו.—א פריוואט צימער אים הויז פון בארכענט-פאבריקאנט דרייססיגער. מיט א שווער-אומגעלומפערט לוקסוס אים סטיל פון ערשטער העלפט פון אונזער יאהרהונדערט רייך אויסגעפוטצטער, אנגעשטעלטער רוים. דער סופיט, דער אויוועז, די טהירען זיינען וויים; די טאפעטען (אביטשעם) אין פאסען. מיט קליינע בוימעלעך אין א קאלטען בלוי-גרויען טאן געפארבט.

ווייכע מעבעל פון מאהאן האלץ, מיט רויטעם איבערצוג, רייך געפוטצט און געשניצט, אלמערם און שטוהלען פון דעם זעלביגען מאטעריאל פאנאנדער געשטעלט אויף פאלגענדער ארט: רעכטס צווישען מיט קארשען-רויטע גארדינען פון דאמא-צייג שטעהט א שרייב פולט מיט א קלאפע, וואס לאזט זיך העראב פון פארענט,—פונקט ענטגעגען איהם א זאפע, ניט ווייט פון איהר אנ׳אייזערנער געלד-שראנק; פאר דער זאפע א טיש, בענקלאך און שטוהלען, אין דער הינטער-וואנד אנ׳אלמער מיט געוועהר. די זעלבע וואנד און טיילווייז די איבריגע זיינען פארהאנגען מיט שלעכטע בילדער אין געגילטע ראמען. איבער די זאפע הענגט א שפיגעל, אין א שטארק געגולטער ראהם, געשניצט אים סטיל—ראקאקא. לינקס—א איינפאכע טהיר פיהרט אין פארדערהויז, א ברייט פאנאנדער געעפענט פליגעל-טהיר אין דער הינטער-וואנד—אין זאל הערייז, וועלכער איז מעבלירט מיט דעמזעלבען קאלט-שווערען אומגעלומפערטען פוטץ און לוקסוס. אין זאל בעמערקט מען צוויי דאמען, פרוי דרייססיגער און פרוי פאסטארין—קיטטעלהויז, בעשעפטיגטע מיט׳ם בעזעהען בילדער,—וויטער צו דעם פאסטאר קיטטעלהויז, פיהרענדיג א געשפרעך מיט דעם קאנדידאט אין הויז-לעהרער—וויינהאלד.

קיטטעלהויז: (א קליין פריינדליך מענשעל קומט לעבעדיג פלוידערענדיג און רויבערענדיג העריין אין פאדערצימער, צוזאמען מיט'ם קאנדידאט, וואס רויכערט אויך; דער פאסטאר קוקט זיך הערום, און קיינעם ניט בעמערקענדיג שאקעלט ער פארוואונדערט מיט'ם קאפ) עס איז גאר קיין וואונדער, הער קאנדידאט: איהר זיינט יונג. אין אייער עלטער האבען מיר אלטע, — איך וויל ניט זאגען, גראדע פונקט אזוי, נאר כמעט מיט אזוינע אויגען געקוקט אויף דער וועלט. עה כמעט אזוי, אלענפאלס אזוי. און חן — שאהן איז די יוגענד און די אלע שעהנע אידעאלען, הער קאנדידאט. יע! נאר לייי דער שווינדיג, שווינדיג גיך, ווי די זונען-שטראהלען אין אפריל. קומט אפריהער אין מיינע יאהרען אריין. ווען דו האסט דרייסיג קיילעכדיגע יאהר צו צוויי און פופציג דרשות נאכאנאנד יאהר אין יאהר — אחוץ יום טובים — פון בימה העראב פארן עולם אבגעדרש'נט, דאן איז מען גויטהוועגדיגערווייזע רוהיגער געווארען. געדענקט מיינע רייד — דאמאלס, ווען איהר וועט אמאל ביי דאס מיינינגע האלטען, הער קאנדידאט.

ווינהאלד: (ניינצעהן יאהר אלט, בלייך מאגער, הויך געוואקסען מיט גלאטע לאנגע בלאנדע האר, ער איז זעהר אונרוהיג און נערוועז אין אלע זיינע בעוועגונגען) ביי מיין גאנצעם פולען רעספעקט צו אייך, הער פאסטאר... כיוויים ווירקליך ניט... עס עקסעסטירט דאך א גרויסער אונטערשיעד אין די נאטורען פון מענשען...

קיטעלהויז: ליבער הער קאנדידאט. ווי און וואס פאר אנ'אונרוהיגע נאטור איהר זאלט ניט זיין (מיט א שטאך) און אזוינס זייט איהר — איהר מאגט נאך און ווידער אמאל אזוי שטארק און ניט נאכגיעביג געגען דאס לעבען מיט זיינע עקסעסטירענדע פערהעלטניסען אנטגעגען געהן, אלץ דיע'ס געהט פאריבער. יעה, יעה, איך בין מודה, אז אונטער אונז גיעבט חברים פרעדיגער, וועלכע זיינען און גראדע גאר ניט אין די יונגע יאהרען אויף יוגענד-שטיק פעהיג; אמת, אזוי טרעט איינער הערוים געגען שכרות, און מאכט חברות „ניט טרינקער", דער אנדערער פארפאסט אויפרופ'ן, וועלכע לייענען זיך, דעם אמת מוז מען זאגען, — לעבענדיג אינטערעסאנט. נאר וואס געווינען זיי דערמיט. די נויט אונטער די וועבער, וואס זי איז נאר פאראן, — פאלט ניט, דער סאציאלער פריעדען, פער-קעהרט אבער — פאלט יעה. ניין, ניין מען מוז זאגען: שוסטער בלייב ביי דיין דראטווע, נשמה-פערזארגער, ווער ניט קיין בויך-פערזארגער. פרעדיג גאטטס ריין ווארט אין אמת, און וועגען

אַנדערע זאַכען לאָז יענעם זאָרגען, ווער די פֿויגלען אין זײַערע נעסטען נעהרט, און די בלום אויף די פֿעלדער ניט פֿערדאַרבען ווערען לאָזט. איך וואָלט פֿון דעסטוועגען דאָך וועלען ווי-סען, וואו איז אונזער ליבער ווירטה מיט אַ מאָל פֿערפֿאַלען געוואָרען.

פֿרוי דרײַססיגער: (טרעט העריין אין בעגלייטונג פון דער פרוי פאסטארין אויף די אוואנסצענע פֿארוים גלייך. זי איז א דרייסיג-יאהריגע שעהנע פרוי, קרעפטיג און פעסט געוואקסען, א געוויסער ווידערשפרוך צווישען איהר רעדען, האלטען זיך און איהר פארנעהם-רייכער קליידונג ווארפט זיך אין די אויגען) זײַ האָבען גאַנץ רעכט, הער פאַסטאָר, ווילהעלם טהוט אַלע מאָל אַזוי. ווען עס פֿאַלט איהם עפּעס וואָס אין קאָפּ אַרײַן, פֿליהט ער באַלד אַוועק און לאָזט מיך בלײַבען זיצען. איך האָב שוין טויזענד מאָל וועגען דעם גערעדט, אָבער רײַר הײַנט, רײַד מאָרגען—איהם רײַד וואָס דו ווילסט—אָט אַזוי איז דאָ שוין אַזוי.

קיטטעלהויז: ליעבע גוטע פֿרוי אויף דערויף הייסט ער דאָך אַ געשעפֿטס-מאַן.

וויינהאָלד: ווען איך האָב קײַן טעות איז דאָרטען אונטען עפּעס וואָס געשעהן.

דרײַססיגער: (קומט העריין צוקאכט און אויפגערעגט) נו, ראָזע,—איז דער קאַווע אויפ'ן טיש.

פֿרוי דרײַססיגער: (אנגעבלאזען) אַך, דו מוזט דאָך אַלע מאָל אַנטלויפֿען.

דרײַססיגער: (דורך די ציינער) אָך, וואָס פֿערשטעהסט דו.

קיטטעלהויז: ענטשולדיגונג בעט איך! האָבען זײַ אַ פֿערדרוס געהאַט, הער דרײַססיגער?

דרײַססיגער: דאָס האָב איך אַלע טאָג, ווי נאָר גאָטט לאָזט לעבען, הער פאַסטאָר. דערצו בין איך געוואָהנט נו ראָזאַ?! ווערסט דו זיך בעמיהען שוין?

פֿרוי דרײַססיגער: (געהט מיט אזויערם פנים און ציעהט מעהרערע מאל פארן ברייטען אויסגענייטען קלינג-שנור).

דרײַססיגער: ערסט אָקאָרסט (א פאר מאל דורכשפרייזעני-דיג) הער קאַנדידאַט, וואָלט איך אײַך געוואונשען דערבײַ צו זײַן, אָט וואָלט איהר זיך געקאָנט אָנקוקען. איבעריגענס, קומט, לאָמיר זיך צו אונזער ווי‍הסט נעהמען.

קיטטעלהויז: יאָ, יאָ, און נאָכאַמאָל יאָ! טרײַסעלט אָב דעם שטויב פֿון טאָג, וואַרפֿט דעם יאָך פֿון האַלדז העראָב און אָט צו אונז געהערט.

ד ר ײ ס ס י נ ג ע ר : (צום פענסטער צוגײענדיג, רוקט א גארדין אב און א זייט, ניט ווילענדיג) אבאנדע!!! קום נאר אהער, ראזע! (זי געהט צו) זאג נאר... אט יענער מיט די רויטע לאנגע האר דארטען!..

ק י ט ט ע ל ה ו י ז : דאס איז דער רויטער בעקקער, ווי מען רופט איהם דא.

ד ר ײ ס י נ ג ע ר : זאג נאר איז דאס ניט דערזעלביגער, וואס האט דיך מיט א פאר טעג צוריק בעלעדיגט? דו געדענקסט דאך, וואס דו האסט מיר דערצעהלט, דאן ווען יאהאן האט דיר געהאלפען אין קארעטע זיך הערײן זעטצען.

פ ר ו י ד ר ײ ס ס י נ ג ע ר : (מאכט א קרומע העויה, אויסגעצויגען) איך געדענק ניט מעהר.

ד ר ײ ס ס י נ ג ע ר : אבער הער זיך אויף צו בעליידיגען איצט. איך מוז דאס וויסען קלאר. איך בין מיט די גראבקײטען אריבער און אריבער זאט. ווען דאס איז דערזעלביגער, ציעה איך איהם צום געריכט און ער מוז מיר ענטפערען (עס הערט זיך דאס וועבער־ליעד זינגענדיג) נו הערט נאר בלויז, הערט נאר!

ק י ט ט ע ל ה ו י ז : (שרעקליך אויפגעבראכט) וועט צו א זעלכע נבלות קיינמאל קײן סוף נעהמען? נו מוז איך איינמאל פאר אלע מאל זאגען: ס'איז צײט די פאליצײ זאל זיך נעהמען צו דער ארבײט. ערלויבט מיר נאך א מאל א בליק געבען (ער געהט צו נעהענטער צום פענסטער) נו גיעבט נאר אקוק, הער ווײנהאלד. דאס איז ניט נור בלויז יונגווארג אלײן, דא לויפען אויך בעיאהרענטע געזעטצטע וועבער מיט דער מאסע מיט. מענשען, וואס איך האב יאהרענלאנג פאר ב'כבוד'יגע און גאטטספארכטיגע מענשען געהאלטען. זיי לויפען נאך. זיי זײנען בתוכם אין אזא מין אויסוואורפערײ. וואס איז נאך ניט געהערט געווארען. זיי טרעטען גאטטס געבאט אונטער די פיס זייערע. ווילט איהר נאך פאר אזוינע מיני לײט א מליץ יושר זײן, בעשיטצען זיי, הא?

ו ו י י נ ה א ל ד : געוויס ניט, הער פאסטאר דאס הייסט הער פאסטאר... דאס זײנען הונגעריגע, אונוויסענדע מענשען. זיי ווײזען זייער אונצופריעדענהײט ארויס, ווי זיי קאנען... איך ערווארט גארניט, אז אזעלכע מענשען...

פ ר ו י ק י ט ט ע ל ה ו י ז : קליין, מאגער אבגעבליהט, מעהר עהנליך אויף איין אלטע מויד, ווי אויף אפרוי) הער ווײנהאלד, הער ווײנהאלד! אבער איך בעט איך.

ד ר ײ ס ס י נ ג ע ר : הער קאנדידאט, איך בעדויער זעהר... איך האב איך אין מײן שטוב ניט גענומען אום לעקציעס

איבער „מענשען־ליעבע" פארצולעזען. איך מוז אייך בעטען נור מיט דער ערציעהונג פון מיינע קינדער זיך צו בעגוגענען און דארויף אכטונג צו געבען, און אלע איבעריגע לעבענס־זאכען מיר אליין לאזען טהאן, וואס מיך אנבעלאנגט. פערשטעהן זי מיך?

וויינהאלד: (שטעהט איין אויגענבליק מיט אויסגעשטארטע אויגען, טוירט בלאס און פערבויגט זיך דאן מיט א געמאכטען ביטערן שמייכעל) געווים, געווים איך האב אייך פערשטאנען? איך האב עס ערוואַרט. דאס איז פונקט ווי איך פערלאַנג! (געהט אב).

דרייססיגער: (ווילד גראב) אבער באלד, די מינוט, מיר דארפען דאס צימער!

פרוי דרייססיגער: ווילהעלם, ווילהעלם!

דרייססיגער: ביזט דו ביי'ם זינען, אדער ניט? דו ווילסט זיך פאר א מענשען איינשטעלען, וועלכער אזעלכע גראָבקייטען און אויסוואורפעריי ווי אזא מין פרעכע ליעד פארטיידיגט.

פרוי דרייססיגער: טייערינקער, טייערינקער, אבער ער האט דאך גאר ניט...

דרייססיגער: הער פאסטאר, האט ער עס פערטיידיגט, אדער האט ער עס ניט פארטיידיגט?

קיטטעלהויז: הער דרייססיגער, מען מוז צוליעב דער יונגענד זיינער איהם עס מוחל זיין.

פרוי קיטטעלהויז: איך פערשטעה ניט, דער יונגער מענש שטאמט פון אזא פיינער און אנשטענדיגער פאמיליע. פערציג יאהר האט זיין פאטער ווי א בעאמטער געדיענט, און איז אויף דאס מינדעסטע ניט בעמערקט געווארען. זיין מוטער איז געווען איבער צופריעדען, וואס ער האט דא זיך אזא שעהן אויסקומענעס געפונען. און איצט... האט ער עס ניט געוואוסט, ווי צו שעטצען.

פפייפער: (רייסט די עררייך־גאנג טהיר אויף, טרעט העריין) הער דרייססיגער, הער דרייססיגער! זיי האבען איהם געפאקט זי מעכטען הערוים געגאנגען, זיי האבען איינעם געכאפט.

דרייססיגער: (האסטיג) איז איימיצער נאך פאליציי אוועק?

פפייפער: דער הער פאליציי־פערוואלטער איז שוין אויף די טרעפ.

דרייססיגער: (אין טהיר) ערגעבענער דיענער, הער פערוואלטער! עס פרעהט מיך זעהר, וואס איהר זיינט דא.

קיטטעלהויז: (גיבט די דאמען א צייכען אויפ׳ן וואונק, אז ס׳וואלט גלייכער געווען, זיי זאלען הערויסגעהן. ער, זיין ווייב און פרוי דרייססיגער פערשווינדען אין אנדער זאל הערײַן).

דרײַססיגער: (אויפן העכסטען גראד אויפגעבראכט צו דעם הערייני־קומענדעם פאליציי־פערוואלטער) הער פערוואלטער. איך האָב ענדליך איינעם פון די הויפט־זינגער מײַנע וועבער געהייסען אננעהמען. איך האָב דאס מעהר ניט געקאָנט אריבערטראָגען. די פרעכקייט זייערע האָט קיין ברעג און קיין ענד, ביי מיר זײַנען געסט,—און די אויסוואורפען האָבען די העזה... זײַ בעלעדיגען מײַן פרוי, ווי זי בעווײַזט זיך, מײַנע קינדער זײַנען מיט׳ם לעבען ניט זיכער. איך בין אין ריזיקע, זיי זאָלען מײַנע געסט מיט קולאַקעס ניט טראַקטירען. איך פערזיכער אײַך, ווען עס אין אַלאַנד, וואו אָרדנונג הערשט, ווי עס הײסט, אונבעשטראָפט בלײַבען זאָל אזוינס. ווען אָנשטענדיגע מענשען, ווי איך און מײַן פאַמיליע עפענטליך געשענדט ווערען... דאַן... דאַן... ענטשולדיגט, דאַן מוז איך בעדויערן וואָס ביי מיר האָט רעכט און זיטליכקײַט מיט גאָר אַנ׳אַנדער נאָמען געהייסען...

פאָליציי־פערוואַלטער: (אונגעפעהר פופציג־יאהר אלט, פון מיטעלע׳ם וואוקס, האט אין גוף... בלוט פול. ער טראגט אקאוועליערייס־קען מונדיר מיט אשווערד, וואס שלעפט זיך, און שפארען) געוויס ניט... נייִן, הער דרײַססיגער!—כ׳בין מיט אַלעם—אײַערער. בערוהיגען זיי זיך נור. איך שטעה אין גאַנצען אײַך צו דיענען. הײַסט וואס איהר ווילט. ס׳איז גאַנץ גוט.. געטהאָן עס איז זאָגאר זעהר רעכט וואס איהר האָט דעם רעכטען שרײַער געהייסען אננעהמען עס איז גוט, די זאַך מוז איינמאָל הערויספלאַטצען—אַ סוף מוז נעהמען. ס׳זײַנען אַפאָר לײַטלאַך דאָ, וואָס שטערן די רוהה, די האָב איך שוין לאַנג אויפ׳ן אויג געהאַט...

דרײַססיגער: אַזוינע עטליכע שנעקעס! גאַנץ ריכטיג, לעדיגגעהער, הינט, פוילער—קאַליקעס—טרײַבען זיך אום, ווי די באַדזיאַקעס, טראַמפּלען ווי טאָג אַזוי נאַכט אין די שײַנקען ארום, ביז דער לעטצטער גראָשען ווערט ניט פאַרגורגעלט און פאַרזויפט, אָבער נו, האָב איך בעשלאָסען איינמאָל פאַר אַלע מאָל די מיאוסע מײַלער צו פאַרמאַכען, מיט די האַנד אָנצונעהמען זיי פעסט, מיט אַגרונד. דאָס איז בכלל נויטהיג ניט נור פון מײַן אייגענער טובה וועגען...

פאָליציי־פערוואַלטער: ניט אַנדערס, גאַנץ געוויס, הער דרײַססיגער, דאָס קאָן אײַך קײַן מענש פערדײַנקען. און אויף ווי פיעל איך וועל נאָר קאָנען.

דרייססינגער: מיט'ם קנוט, דאַרף מען די באַנדע אויסוואורפען אַנלעהרנען.

פאָליציי-פערוואַלטער: ריכטיג, זעהר ריכטיג. א ביישפּיעל מוז געגעבען ווער'ן.

זשאַנדאַרם-קוטשע: (קומט הערייין און שטעלט זיך אין פראנט. מען הערט דורך די אפענע גאס-טהיר א גערויש פון שווערע טריט, קלעטערענדיג אויף די טרעפ) הער פערוואַלטער, איך מעלדע ניע-דערטהעניגסט: מיר האָבען איין מענשען אַנגענומען.

דרייססינגער: ווילט איהר איהם אַקוק געבען, הער פאָליציי-פערוואַלטער?

פאָליציי-פערוואַלטער: גאַנץ געוויס, גאַנץ געוויס. מיר וועלען איהם די ערסטע זאַך נאָהענטער-הייד בעטראַכטען. טהוט מיר דעם געפאַלען, הער דרייססינגער, און זיינט גאַנץ רו-היג. איך בעפריעדיג אַלעס, וואָס איהר ווילט, איז מיין נאָ-מען ניט היידע.

דרייססינגער: דערמיט בעפריעדיג איך מיר ניט; דער מענש מוז אַנדערס ניט פערקלאָגט ווערן פאַרן פראָקוראָר.

יעגער: (ווערט פון פינף פארבער הערייין געפיהרט. די הענד, דאס געזיכט און די קליידער זייערע זיינען אין פארב פערשמירט, נאר וואס פון דער ארבייט. דער געפאנגענער טראגט די היטעל אן אזייט. דער פנים דריקט אויס א פרעכע פרייליכקייט, ער איז אונטער דער ווירקונג פון דעם פריהער אויסגעטרונקענעם בראנפען אויפגערעגט, — אין א גײַסטיגענעם הומאר) אַ, איהר נפשות מיאוסע. — אַרבייטער ווילט איהר הייסען? קאַבאַראַדען ווילט איהר הייסען? איידער איך וואָלט אזוינס געטהאָן, — איידער איך וואָלט מיינעם אַחבר אָנ'גענומען, וואָלט איך מיינען די האַנד דאַרף מיר אָבפאַלען אַפריהער. (אויפ'ן וואונק פון פערוואל-טער, הייסט קוטשע די פארבער זאל'ען די הענד זייערע פון געבראכטען אראבנעהמען. יעגער שטעהט פריי און פרעך פאר, אלע טהירען זיינען איהם פון די פארבער פערשטעלט).

פאָליציי-פערוואַלטער: (שרייט אויס) די היטעל פון קאָפּ, גראָביאַן! (יעגער נעהמט איהר העראב אבער זעהר לאנגזאם, ניט אויפהערענדיג שטעכענדיג צו שמייכלען) ווי הייסט דו?

יעגער: האָב איך מיט דיר חזירים געפיטערט? (אונטער דעם איינדרוק פון די ווערטער פאנגט זיך אן דער עולם הערום צו רידערן).

דרייססינגער: דאָס הייסט אַנ'עזות.

פאָליציי-פערוואַלטער: (בייט זיך אין געזיכט, וויל ארויס-פלאטצען, האלט אבער דעם כעס איין) נו דאָס וועלען מיר דערנאָך זעהן. ווי הייסט דו פרעג איך דיך? (ניט בעקומענדיג קיין ענטפער.

ווילד) קערל, דו רעדסט, אָדער זאָל איך דיר פֿינף און צוואַנ־
ציג הייסען אַריינשיטען.

יעגער: (פֿאלקאם פרעהליך, ניט אויף דאס קליינסטע אפילו א צוק געבענדיג מיט אנ'אבר אויף דאס געשריי, איבער די קעפ העריבער פֿון די שטעהענדיגע צו דער שעהן דיענסט־מיידעל, וועלכע, וועלענדיג קענטיג קאווע דערלאנגען און ניט אין דער צייט העריינגעשפרייזטע, איז מיט אנ'אפענעם מויל געבליעבען שטעהן) זאָג נאָר פֿלעט־ברעט עמי־
ליע, אין וואָס פֿאַר אַ געזעלשאַפֿט געפֿינסט דו זיך יעצט?
זעה נאָר וואָס ניכער זיך אַרויסקלייבען פֿון דאַנען. דאָ קאָן אַמאָל אַזאַ ווינד אַ בלאָז טהאָן, וואָס קאָן אַלץ דורך נאַכט אַוועק טראָגען.

(דאס מיידעל גלאצט אויס אויף יעגערן א פאר אויגען, ווערט, ווען זי בעגרייפט, אז ער רעדט דאס צו איהר, רויט פון שאנד, פערמאכט מיט די הענד דאס געזיכט און לויפט העריוס, לאזענדיג דאס געשיר, ווי עס שטעהט און געהט. הערום ווערט א רוק צווישען די דערביי זייענדע.

פֿאָליצוי־פֿערוואַלטער: צייט איך לעב אויף אַ וועלט... אַזאַ אונגעהערטע פֿרעכקייט, איז מיר נאָך...

יעגער: (שפייט אויס).

דרייסיגער: יונג, דו ביזט דאָך ניט אין אַ חזיר־
שטאַל, פֿערשטעהסט?!

פֿאָליצוי־פֿערוואַלטער: נו האָט מיין געדולד גע־
פֿלאַצט, דאָס לעצטע מאָל: ווי הייסט דו?

קיטטעלהויז: (וועלכער איז וועהרענד דער לעצטער סצענע הינטער דאס האלב־אפענע זאל־טהיר געשטאנען, זיך צוגעקוקט און גע־הארכט, ציטטערענדיג פון אויפרעגונג מישט זיך העריין) ער הייסט יע־
גער, הער פֿערוואַלטער... מאָריטץ... ניט אמת, הא?...
מאָריטץ יעגער (צו יעגער'ן) נו, זאָג נאָר יעגער,—דערקענסטו
מיך ניט מעהר.

יעגער: (ערנסט) איהר זיינט פֿאַסטאָר קיטטעלהויז.

קיטטעלהויז: יעה, יעה... דיין זעעלין־פֿאָטער, יע־
גער! דערזעלבינגער, וועלכער האָט דיך אַ קליינינטשקען, אין
וויקעלאַך נאָך, צו דער הייליגער אמונה געבראַכט, אויף
וועמעס הענד דו האָסט צוערסט גאָטטס ברכה דערהערט.
דערמאָן זיך נאָר. דאַן האָב איך מיר געמיהט און געמיהט
און דיר גאָטטס וואָרט אין דיין יונג האַרץ געלעגט. איז דאָס
דיין דאַנקבאַרקייט איצט?

יעגער: (מיט א פינסטער'ם קוק, ווי א חדר יונגעל, וואס האט עפעס אבגעטהאן) איך האָב דאָך אַ טהאָלער אַ נדבה געגעבען יאָ...

קיטטעלהויז: געלד, געלד... מיינסט דו אין אמת'ן אַז די מיאוסע, פֿאַרשאָלטענע געלד... בעהאַלט דיר דיין געלד... דאָס וועט מיר פֿיעל ליעבער זיין. וואָס פֿאַר אַ משוגעת דאָס איז. זיי אָרענטליך, זיי אַ מענש, געדענק אָן דעם, צו וועמען דו גיסט אַ שבח אַלע טאָג. היט גאָטטס געבאָט, זיי גוט און פֿרום. געלד, געלד...

יעגער: איך בין אַ קוואַקער, הער פּאַסטאָר, איך גלויב אין קיין זאַך מעהר.

קיטטעלהויז: וואָס הייסט קוואַקער,—אַך רייד ניט אַזוינס! זעה זיך צו בעסערן, און פֿאַרשלאָג ניט דעם קאָפּ מיט אַזוינע זאַכען, וואָס דו פֿערשטעהסט אַליין ניט! דאָס זיינען פֿרומע מענשען, ניט אַזוינע געטצענדיענער, ווי דו. קוואַקער, וואָס הייסט מיר קוואַקער.

פּאָליציי־פֿערוואַלטער: ערלויבען זיי, הער פּאַסטאָר (ער שטעלט זיך הערייַן צווישען יעגער און דעם פּאסטאר) קוטשע בינד איהם נאָר די הענט.

(אַ מורא'דיג ברילעריי פֿון דרויסען: „יעגער! יעגער זאָל הערויס קומען"!)

דרייססיגער: (ווערט אביסעל ערשראקען, ווי אלע איבעריגע הערום, געהט ניט ווילענדיג צום פענסטער צו) וואָס איז דאָס ווייטער אַזעלכעס?

פּאָליציי־פֿערוואַלטער: אָה, דאָס פֿערשטעה איך. די נבזה'קעס ווילען מן הסתם איהם האָבען צוריק. די טובה וועלען מיר דיע'ס מאָל ניט טהאָן, ניין. זיך געגומען אין זינ'ן קוטשע: ער ווערט אין פּאָליציי הערייַן געפּאַקט.

קוטשע: (צייגערענדיג, מיט דער שטריק אין האנד) מיט ענטשולדיגונג, ערלויב מיך צו מעלדען, הער פֿערוואַלטער, מיר וועלען האָבען מיט איהם די גאַל. דאָרטען שפּאַרט זיך אַ גאַנצער פֿאַרפֿלוכטער המון מענשען. די ריכטיגע פּולווער־באַנדע, הער פֿערוואַלטער. דאָרטען איז דאָ דער בעקער, דער שמיעט...

קיטטעלהויז: זיי וועלען ערלויבען גיטיגנסט, אום ניט אויפֿצובלאָזען דעם פֿייער מעהר, וואָלט אפֿשר אָנגעמאָסטענער זיין, הער פֿערוואַלטער,—מיר וועלען עס פּרובען מיט גוט'ן מוטה? פֿיליייכט וועט יעגער איינשטימיג זיין מיט'ם גיטען ווילען צו געהן, אָדער ווי אַנדערס....

פּאָליציי־פֿערוואַלטער: ווי קומט עס אייך אויפֿן זינן? מיינע פֿעראַנטוואָרטליכקייט—קאַוויר! אויף אַזוינס קאָן

איך בשום אופן ניט אַינגעהן. צו דער אַרבייט, קוטשע אָהן שהיות!...

יעגער: (לעגט צונויף ביידע הענד, און שטרעקט זיי לאַכענדיג אויס אפריהער) נאָר שטאַרקער, שטאַרקער, אַזוי שטאַרק, ווי איהר קאָנט נאָר; ס'איז דאָך ניט אויף לאַנג (קוטשע און זיינע געהילף קאַמעראַדען, די פארבער בינדען איהן)

פאָליצייפּערוואַלטער: נו פּאָרוועטס, מאַרש! (צו דרייסיגערן) ווען איהר זיינט אונרוהיג, דאַן זאָלען זעקס מאַן פון די פאַרבער מיטגעהן. זיי קאָנען איהם אַריין נעהמען אין דער מיט. איך רייט פאָראויס, קוטשע גלייך אַהינטער מיך. ווער עס וועט זיך נאָר אַנטקעגען שטעלען, יענער בעקומט אַ האַק מיט'ם שווערד הערייַן.

(געשרייען פון אונטען קוקערעקו- !!! האַו—האַו—האַו—)

פאָליציי־פּערוואַלטער (אנטקעגען פענסטער, שרעקענדיג).

קאַנאַליעס: איך וועל אייך געבען אַ קוקערעקו. (ער געהט פאראויס מיט א בלאנקען שווערד, די אנדערע נאך איהם מיט יעגערן)

יעגער (שרייט הערויסגעהענדיג) און ווען די גענעדיגע פרוי דרייססיגער, וועט זיך נאָך אַכטציג מאָל נאָכאַנאַנד אַזוי פיעל בלאָזען,—בלייבט זי אַלץ איינע פון אונזער גלייכען. זי האָט מיין פאָטער דרייהונדערט מאָל אַ שנאַפּס פאַר דריי גראָשען אונטערן נאָז אונטערגעטראָגען. עסקאַדראָן, לינקס, שוואַנק הערום מאַרש! (אב מיט געלעכטער).

דרייססיגער: (נאך איינער פויזע לפנים געלאסען) ווי דענקט איהר, הער פּאַסטאָר? זאָלען מיר זיך ניט אַנז צום גרינגעם טיש צוזעטצען אונזער ווהיסט צו ענדיגען, האַ? איך קלער קיין זאַך שטערט אונז ניט מעהר אָב (ער פארוויכערט א ציגאר לאכט דערביי קורץ, ווי נאר דער ציגאר צינדט זיך אן, זעטצט ער חערויס מיט א געלעכטער) נו, פאַנגט מיך אָן די גאַנצע מעשה אָן אויסצוזעהן קאָמיש. דער קערל! (מיט אנערוועז'ם געלעכטער מיט אמאל) אַ פאַנ־טאָמינע מיט ווערטער מאָדנע, מאָדנע צום לאַכען!—אַפריהער ביים טיש אַ רייסעריי מיט'ם קאַנדידאַט. פינף מינוט'ן נאָכדעם האָט ער אַנ'אַדיע אָבגעשפּראָכען און האַלאַ איבער אַלע בערג העריבער, דאַן דיעזע געשיכטע. און אַצונד הייסט עס שפּילען מיר אונזער ווהיסט ווייטער.

קיטטעלהויז: יאַ אָבער... (אברילעריי פון אונטען) יאַ אָבער... ווייכט איהר די מענשען מאַכען אַזאַ שרעקליכען סקאַנדאַל.

דרייססינגער: מיר וועלען פראסט איבערגעהן אין צווייטען צימער צוריק. דארטען וועט אונז קיינער ניט שטערען.

קיטטעלהויז: (שאקלענדיג מיט'ם קאפ) ווען איך וואלט קאנען בעגרייפען, וואס איז מיט די מענשען געווארען. איך מוז אין איין זאך, דעם קאנדידאט ווייגהאלד גערעכט געבען, — וועהניגסטענס, גאר ניט לאנג בין איך אליין געוועזען פון דערזעלבינגער מיינונג, די וועבער זיינען אייגענטליך א פאלק, וואס פאלגט, א געדולדיגער און וואס לאזט זיך פיהרען. זיינט איהר אליין ניט געוועזען אזא מיינונג, העד דרייססינגער.

דרייססינגער: אמת, דאס זיינען טאקי געוועזען מענשען געדולדיגע, זיך געלאזט פיהרען, אמת, דאס ווארען פריהער מיט גוטע זיטען, ארדענטליבע מענשען, אזוי לאנג ביז די צדקה־געבער זיינען דא מיט א פיסעל ניט אריין. דאן איז די מענשען גוט אין קאפ הערייין געהאקט געווארען אין וואס פאר א שרעקליכען עלענד זיי לעבען. בעקלערט נאר אט די אלע פעראיינען, קאמיטעטען צו העלפען דער וועבער־נויט. נו סוף כל סוף האט דער וועבער אליין אנגעפאנגען אין דעם צו גלויבען און אט איז ער מיט דער שפיעל פארטיג. אנו זאל איינער פרובען קומען איצט און אוועקשטעלען איהם דעם קאפ ווידער אויף אנ'ארט ווי עס בעדארף צו זיין. איצט האלט ער אין איין גאנג, ער טהוט און מורמעלט. איצט פאכט איהם באלד דאס ניט, באלד יענץ ניט. איצט דערלאנג איהם געבראטענס און געזאטענס.

(פלוצלונג אפיל־שטימיג שכורם'דיג געשריי הוראה!

קיטטעלהויז: און אזוי האבען זיי מיט גאר זייער מענשען־ליעבע ניט ווייטער געבראכט אז פון שעפסען איז בוכשטעבליך וועלף געווארען דורך נאכט.

דרייססינגער: עך, וואס איז די רייד! מיט אקאלטעם מוח בעקלערען, העד פאסטאר, קאן פיליכט די זאך נאך א טובה ברייגגען, אפילו אזעלכע פאסירונגען וועלען אהן אצווייפעל אין די אויבערסטע קרייזען פון דער רעגירונג ניט בלייבען אונבעמערקט, מעגליך אז מען וועט דארטען דאך אמאל צו דער איבערצייגונג קומען, אז אזוי קאן עס לאנג ווייטער ניט געהן, עס מוז עפעס געטהאן ווער'ן דערצו, ווען מען וויל אז אונזער היימישע אינדוסטריע זאל ניט געהן אין גאנצען צום גרונד.

קיטטעלהויז: יא, אבער וואו ליעגט דא דער שפיטצפעהלער פון דעם שרעקליכען קוידער — ווידער גאנג, זאגט נאר, ביטע?

דרויססינגער: אויסלאַנד האָט זיך ווי מיט באַריקאַ־דען פֿון אונז מיט אָבצאָהלונגען פֿאַרשטעלט, דאָרטען זײַנען אונז די בעסטע מערק אָבגעשניטען געוואָרען, און ביי אונז אים לאַנד אינעווייניג מוזען מיר ווידער אויף טוידט און אויף לעבען קאָנקורירען, אַזוי אַז אונז איז איין זאַך אויף איינענע קעפּ, בלויז אויף איינענע קעפּ צו שטעהן אָבגעגעבען געוואָרען.

פּפייפּער: (פאלט אהן אנאטהעם און בלאס הערײן) העֶר דרײַססיכער, העֶר דרײַססיכער!

דרויססינגער: (גרייט דורך די זאל-טהיר הערויס צו געהן, קעהרט זיך אום, מיט א כעס) נו, פּפײַפּער, וואָס איז שוין דאָרטען ווידער?

פּפייפּער: נעע... נעע... לאָזט מיך צופֿריעדען... פֿרעגט ניט!...

דרויססינגער: נו, וואָס איז דען געשעהן

קיטטעלהויז: איהר מאַכט נאָר אָן אמוראָ. רעדט דאָך אַמאָל ווערטער.

פּפייפּער: (נאך אלץ ניט ביי זיך) נעע... לאָזט מיך צופֿריעדען... אַזוינס וואָס... אַזוינס וואָס אָבער... די בעאַמטע.. נאַ זיי וועל'ן האָבען וואויל...

דרויססינגער: אין שוואַרץ בלעדיג יאָהר, וואָס פֿאַר אַנ'אונגליק האָט איך הויט און ביינער צודרייהט, ווערטער:— האָט איימיצער האַלדז און געניק געבראָכען?

פּפייפּער: (כמעט וויינענדיג, שרייט אויס פאר שרעק) זיי האָבען יעגער מאָריץ בעפֿרײַט, דעם פּאָליציי־פֿערוואַלטער געשלאָגען און אַוועק געיאָגט, דעם זשאַנדאַרם - געשלאָגען, אַוועק געיאָגט.. אָהן די קאַסקע... דעם שווערד צובראָכען... נעע.. נעע...

דרויססינגער: פּפייפּער, איהר זײַנט מן הסתם פֿון זינען אַראָב?

קיטטעלהויז: דאָס שמעקט דאָך מיט אַ רעוואָלוציע.

פּפייפּער: (אויף אשטוהל זיטצענדיג, מיטם גאנצען לייב ציטע־רענדיג, טיט א קלאגענדיגע שטים) העֶר דרײַססיכער, ס'איז שלעכט העֶר דרײַססיכער ס'איז שלעכט!.

דרויססינגער: דאַן קאָן די גאַנצע פּאָליציי נעהן אין..

פּפייפּער: העֶר דרײַססיכער, ס'איז שלעכט!

דרויססינגער: אַך, האַלט ס'מויל, פּפײַפּער! אין אַלדאָ רוחות!

פֿרוי דרויססינגער: (קומט הערײן מיט דעם פאסטארס פרוי פון זאל) אַך דאָס איז דאָך אָבער אין דער אמת'ן אַ נבלה. דעם

גאַנצען שעהנעם אָבענד האָבען זיי אונז פאַרשטערט. נו אָט האָסט דו דיך, אָט וויל די פרוי פאַסטאָרין גאָר אין גאַנ־צען אהיים אוועק געהן!

קיטטעלהויז: ליעבע, גנעדיגע פרוי דרייססינגער, דאָס איז פיליַיכט ווירקליך דאָס בעסטע וואָס מען קאָן היינט טאָן..

פרוי דרייססינגער: אָבער דו זאָלסט זיך דאָך אַמאָל, ווילהעלם, רעכט דערצו נעהמען, און די לייט איינמאָל פאַר אַלע מאָל גוט אָנלערנען.

דרייסינגער: געה נאָר דו אַליין און זאָג זיי דאָס, געה נאָר דו! (בלייבט שטעהען אנטקעגען פאסטאר, אהן אותיות) בין איך דען אַ טיראַן, בין איך דען אַ מענשען־שינדער, וואָס?

קוטשער יאָהאַן: (קומט אריין) גנעדיגע פרוי, איך האָב די פערד דערוייל איינגעשפאַנט. די קינדער, יאָרגעל און קאַרלכען האָט דער הער קאַנדידאַט שוין אין קאַרעט היַינגעזעצט. קומט עס גאָר שלעכט, דערלאַנג איך אין די פערד...

פרוי דרייססינגער: וואָס—ס'קאָן טאַקי זיין שלעכט?

יאָהאַן: כ'ווייס אַליין ניט. איך מיין נאָר!... דער עולם קומט אַלץ צו. זיי האָבען דאָך דעם פאָליציי־פערוואַלטער מיט'ם זשאַנדאַרם דורכגעיאָגט.

פפייפער: ס'איז שלעכט, הער דרייססינגער! ס'איז שלעכט.

פרוי דרייססינגער: (בעקומט וואָס אמאל מעהר שרעק) אַה, וואָס וועט דאָס ווער'ן?—וואָס ווילען די מענשען? זיי קאָנען דאָך אויף אונז ניט אָנפאַלען, יאָהאַן?

יאָהאַן: פרוי מאַדאַם, ס'זיינען גרויסע הינט אונטער זיי פאַראַן!

פפייפער: ס'ווערט שלעכט, ביטער און שלעכט.

דרייסינגער: האַלט מויל, אייזעל! זיינען די טהירען פאַררינגעלט?

קיטטעלהויז: טהוט מיר אַ געפאַלען... טהוט מיר אַ געפאַלען... איך האָב ביי זיך בעשלאָסען... טהוט מיר אַ געפאַלען... (צו יאהאן) וואָס פערלאַנגען די מענשען?

יאָהאַן: (צומישט) מעהר לוין ווילען זיי האָבען די אָקסע־נע מוחות.

קיטטעלהויז: גוט שייהן—איך וועל הערויס געהן און מיין חוב טאָן. איך וועל מיט זיי ערנסט זיך דורכריידען.

יאָהאַן: הער פּאַסטאָר, הער פּאַסטאָר! לאָזט עס גערן הערט אויף, דאָ איז יעדער רייד אַרויסגעוואָרפֿען.

קיִטטעלהויז: ליעבער הער דרייסזיגער, נאָך איין וואָרט איך. איך וואָלט אייך בעטען: שטעלט מענשען הינטער די טהיר, און פֿאַרשליסט איהר גלייך נאָך מיין הערויסגעהן.

פֿרוי קיִטטעלהויז: ווילסט דאָס ווירקליך טהאָן, יאָזעף?

קיִטטעלהויז: יעה איך וויל עס, איך וויל עס. איך ווייס וואָס איך טהו. זאָרג ניט, גאָטט וועט מיך שיטצען.

פֿרוי קיִטטעלהויז: (דריקט איהם די האנד, קעהרט זיך אב און ווישט די טרעהרען פון די אויגען).

קיִטטעלהויז: (אונטערדעסען ברעכט און טראגט זיך פון אונ־טען ארויף א טעמפּער געריש פון א גרויסען, פערזאמעלטען עולם מענשען) איך וועל מיר מאַכען... איך וועל מיר מאַכען אַזוי, ווי איך וואָלט רוהיג אַהיים געגאַנגען. איך וויל דאָך זעהן אויב מיין פּאַסטאָר־שטעל, מיין גאָטט־דיענערשאַפֿט... שוין זשע האָב איך ניט אויף אַזוי פֿיעל רעספּעקט ביי די לייט... איך וועל דאָך זעהן... (ער נעהמט זיין הוט און שטעקען) געגאַנגען הייסט עס... מיט גאָטטעס הילף. (אב, בעגלייט פון דרייססיגער, פּפייפער און יאהאן).

פֿרוי קיִטטעלהויז: ליעבע פֿרוי דרייססיגער (זי ברעכט מיט א געוויין אויס, און נעהמט איהר הערום) עס זאָל זיך מיט איהם ח״ו קיין אונגליק טרעפֿען.

פֿרוי דרייססיגער: (ווי ניט ביי זיך) איך ווייס גאָר ניט, פֿרוי פּאַסטאָרין, מיר איז עפּעס אַזוי... איך ווייס גאָר ניט וואָס מיט מיר איז. עפּעס אַזוינס קאָן דאָך גאָר אויף א וועלט ניט מעגליך זיין. עס קומט אויס פונקט ווי רייך זיין וואָלט א פֿערברעכען געוועזען. זעהט איהר, ווען איימיצער זאָגט׳ס מיר פֿריהער, איך ווייס ניט, פֿרוי פּאַסטאָרין, וואָלט איך לסוף בעסער שוין ביי מיין קליינעם שטאַנד פֿאַרבליבען, ווי פֿריהער.

פֿרוי קיִטטעלהויז: ליעבע פֿרוי, אין יעדער גראַד איז דאָ נעגוג צער, און טעות׳ן נעגוג כ׳לבעבען.

פֿרוי דרייססיגער: נו געווים, געווים, איך מיין אויך אַזוי, און דאָס וואָס מיר האָבען אַביסעל מעהר אַנדערע איז... גאָטט אים הימעל, דאָס דאָך אויך ניט גע׳גנב׳עט, ס׳איז דאָך העלער פֿאַר העלער כשר פֿאַרדינט געוואָרען. אַזוינס קאָן דאָך גאָר ניט געשעהן, אַז די מענשען זאָלען אונז בעפֿאַלען. איז

דעֶן מײַן מאַן שולדיג, אַז די געשעפטען געהן שלעכט? (פון אונטען הערוף טראגט זיך א ליארעם און אטומעל אין דער צייט וועןביידע פרויען קוקען בלייך און ערשראקען איינע די אנדערע אן, פאלט דרייססיגער אין שטוב הערײַן).

דרייססיגער: ראָזאַ. וואַרף אויף זיך עפעס הערויף און שפרינג הערײַן אין קאַרעטע, איך קום די מינוט אַהין! (ער גיעבט זיך אוואַרף צום געלד-שראַנק שליסט איהם אויף און נעהמט הע־רויס פערשיעדענע ווערטה־זאכען).

יאָהאַן: (קומט) אַלץ פאַרטיג, נו גיך, איידער דער הינ־טערסטער טויער איז פאַרנומען געוואָרען.

פרוי דרייסיגער: (אין טוידט-שרעק, ווארפענדיג זיך דעם קוטשער אויפן האלדז). יאָהאַן, ליעבסטער, בעסטער יאָהאַן! ראַטע־ווע אונז טייערער, גוטער, בעסטער יאָהאַן! ראַטעווע מײַנע קינדער, אָך, אָך...

דרייססיגער: האָב דאָך פערשטאַנד! לאָז דאָך יאָ־האַנען אָב.

יאָהאַן: מאַדאַם, מאַדאַם! זײַנט גאַנץ בערוהיגט, אונ־זערע שוואַרצע פליעהערס זײַנען גענוג פלינק,—זיי וועט קיינער ניט איינהאַלטען, און ווער עס שטעלט זיך אין וועג, דער ווערט איבערגעפאָהרען.

פרוי קיטטעלהויז: (ווייס זיך קיין עצה צו געבען, אין שרעק) אָבער מײַן מאַן?.. אָבער... מײַן מאַן? אָבער, הער דרייססיגער, מײַן מאַן?

דרייססיגער: פרוי פאַסטאָר, פרוי פאַסטאָר, ער איז געזונד. בערוהיגט זיך נאָר דאָך. ער איז געזונד.

פרוי קיטטעלהויז: עס האָט זיך מיט איהם אַן אונ־גליק געטראָפען, איהר ווילט מיר בלויז ניט אויסזאָגען.

דרייססיגער: אָ, זײַנט רוהיג, זיי וועלען חרטה האָ־בען, איך וויים גאַנץ גוט, וועמעס הענד דאָ איז... אַזאַ מין אונגעהערטע, אונפאַרשעמטע פרעכקייט, געהט טרוקען ניט אריבער, גיין אַקהלה וואָס בעגעהט זיך אַזוי מיט איהר נייסט־ליכען. טפו, טײַוועל! דינד משוגענע, מעהר ניט, אויסען הויט געוואָרענע בעסטיעס, מיט וועלכע מען וועט זיך בעגעהן ווי מיט בעסטיעס (פרוי דרייסיגער, וועלכע שטעהט ווי בעטויבט) הערסט ניט, ריהר זיך, ניבער! (עס הערט זיך ווי מען זעטצט די טהיר פון הערייגגאנג) דו הערסט ניט דער המון איז משוגע געוואָרען (עס הערט זיך א בראזגען פון צוועצטע שויבען, וועלכע פאלען אויפ׳ן ערשטען

עטאזש) זײַ האָבען אַזונען־שלאַג געכאַפּט די סוואָלאָטשעס, צומישט אין גאַנצען!—אונז בלײַבט קײַן אַנדער זאַך ניט—ווי צו אַנטלויפען פון דאַנען.

(עס הערט זיך קולות: דעם עקספּעדיטאָר פּײַפּער, אַהער! דעם עקספּעדיטאָר פּײַפּער, אַהער!).

פּרוי דרייססינגער: פּפּײַפּער, פּפּײַפּער, זײַ ווילען פּפּײַפּער זאָל אַרויס!

פּפּייפּער: (פאלט העריין) הער דרייסיכער, בײַם הינטערסטען טויער זײַנען שוין. דער טויער וועט קײַן דרײַ מינוטען ניט מעהר אויסהאַלטען. דער וויטטיג—שמיעד זעטצט מיט אַנ׳עמער משוגענער ווײַז אין איהם. (גוואלדען פון אונטען הערט זיך אלץ לויטערער און דייטליכער: דעם עקספּעדיטאָר פּײַפּערן, אַהער! „דעם עקספּעדיטאָר פּײַפּערן, אַ הער״).

פּרוי דרייססינגער: (אנטלויפט, ווי איימיצער וואלט איהר נאכיאגען, גאך איהר פרוי קיטטעלהויז, ביידע אב).

פּפּייפּער: (הערט זיך צו, בייט זיך אין געזיכט, פערשטעהט קלאר, וואס דאס רופען בעדייט און ווערט אין נעכסטען מאמענט ווי משוגע פון שרעק, דאס פאלגענדע זעטצט ער הערויס מיט א משוגענע גיכקייט, וויינט, זיפצט, בעטעלט, שנארכט דורכאנאנד, דערביי לאמטשעט ער זיך צו דרייססיגערן, ווי א קינד, גלעט איהם די באקען און די אקסלען, קוסט איהם די הענד, האלדזט איהם, כאפט זיך אן איהם אן, ווי איינער, וואס טרינקט זיך, און לאזט איהם דורכדעם קיין פרייע בעוועגונג מאכען) אַך ליעבסטער, שעהנסטער, אַלער־טײַערסטער הער דרייססיכער לאָזט מיך דאָ ניט איבער, איך האָב אײַך איבּיג טרײַ געדינט איך האָב די לײַט שטענדיג גוט בעהאַנדעלט. מעהר לוין, ווי פיעל ס׳איז בעשטימט געוואָרען, האָב איך דאָך ניט געקאָנט געבען. לאָזט מיר ניט אַלײַן, זײַ וועלען מיך דער׳הרגנען. ווען זײַ געפינען מיך,—איז מײַן טוידט. אַך גאָטט אין הימעל, גאָטט אין הימעל! מײַן ווײַב, מײַנע קינדער...

דרייססינגער: (אין דעם, ווי ער וויל געהן, זיך ניט קענענדיג הערויסרייסען פון פפייפערס הענד) אָבער לאָזט דאָך מיך אָב, מענש אײינער! עס וועט ווי ס׳איז רעכט ווערן, ס׳וועט רעכט ווערן (אב מיט פפייפערן).

(איניגע סעקונדען בלייבט די סצענע פוסט. אין זאל צופליהען מיט אקלינגעריי די פענסטער, אשטארקער טראסק הערט זיך דורכן גאנצן הויז דורך, באלד דערויף א גוואלדיגער הורדא. נאכדעם ווערט שטיל. איניגע זעקונדען פארגעהן, עס הערט זיך א לייז, פארזיכטיג קריעכען אויף די טרעפ צום ערסטען שטאק צו; דערצו אנ׳איינגעהאלטענע און שרעקענדיגע ריפעריי „ליינקס!״ „אויבען אַרויף״! „פּששט״ „פּאַוואָליע!״ „שטופּ זיך ניט!״ „העלף

אַ קאָפּ!" „באַטין, כ'האָב דערטאַפּט אַ זאַך!" „אַרוים, מענשען־קוילער!" „מיר געהן אויף אַ חתונה!" „געה הערײַן דו!" „נו, געה דו!"

עס בעווייזען זיך באלד אין העריין-גאנג טהיר יונגע וועבער און וועבער-מיידלאך, וועלכע וואגען ניט העריין צו געהן, און זעהן איינס אנ'אנדערע העריינצושטויסען. אין איניגע סעקונדען הערום ווערן זי ביי זיך שטייפער און די ארמעע, אויסגעמאגערטע, טיילוויז קריינקליכע, צופליקט און צולאטעטע פיגורען פארטיילען זיך אין דרייסיגער'ס צימער און אין סאלאן, צוערסט בעטראכטען זיי יעדע זאך נייגעריג און מיט מורא, דערנאך בעטאפּען זיי—מיט די הענד. די מיידלאך פרובירען די זאפעס, עס קלייבען זיך בעזונדערע קופּקעלאך, וועלכע בעוואונדערן זיך גופא אין די שפיגלען. איינצעלנע קריכען העריוף אויף די שטוהלען אום די בילדער צו בעקוקען און העראב צו נעהמען זיי פון די וועגד, דערווייל קומען אלץ מעהר און מעהר ווי אשטראם קלעגליכע געשטאלטען דורכ'ן הייז טהיר צו).

ערסטער אַלטער וועבער: (קומט העריין) עט, עט, לאָזט מיר געמאַך! אונטען האָבען זיי שוין אַזוינס אָנגעפּאַנגען, אַז זיי מאַכען די גאַנצע זאַך צו אַש און צו רויך. דאָס איז דאָך אַ משוגעת! אין דעם איז דאָך ניט קיין זין און ניט קיין שכל פאַראַנען. סוף כל סוף וועט מעהר ווי שלעכט ניט אַרויסקומען פון אַזאַ מין פיהר. ווער עס האָט מאַרך אין קאָפּ, דער וועט אַזוינע זאַכען נאָך ניט טהאָן. איך וועל מיך פון אַזוינע מיני מעשים אויסהיטען, און קיין יד ניט האָבען אין דעם.

(יעגער, בעקקער, וויטטיג מיט אהילצערנעם עמער, בוימערט און אמאסע יונגע און אלטע וועבער קומען העריין געלויפען, פונקט ווי אויף געיעג עפּעס נאכיאגענדיג, שרייען מיט הייזעריגע שטימען נאכאנאנד).

יעגער: וואו איז ער אַהין געקומען?

בעקקער: וואו איז ער דער מענשען־שינדער?

בוימערט: אויב מיר מעגען נראַז פרעסען—פרעס דו שפּענער.

וויטטיג: כאַפּען מיר איהם—הענגען מיר איהם אויף.

ערסטער יונגער וועבער: מיר נעהמען איהם אָן פאַר ביידע פיס און שליידערן איהם דורכ'ן פענסטער אויפ'ן ברוק אַרוים, אַז ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל פון אָרט ניט אויפשטעהן.

צווייטער יונגער וועבער: (קומט) ער איז שוין איבער פעלדער און וועלדער.

אַלע: ווער?

צווייטער יונגער וועבער: דרייססיגער.

בעקקער: פֿייפֿער אויך?

שטיממען: זוכט פֿייפֿערן, זוכט פֿייפֿערן!

בוימערט: זוכט זוכט פֿייפֿערלע׳ן זאָל ער אַנז מיט הונגער אַ וועבער פֿאַרמאָרען קעטצעלע־פֿייפֿערלע.

(געלעכטער)

יעגער: ווען מיר פּאַקען איהם ביי׳ם פֿעל ניט אָט די דרייססיגער־היה... אַ בעטלער מוז ער בלייבען!

בוימערט: אַ בעטלער מוז ער בלייבען, אָרעם ווי אַמויז אויף אַ טהרה ברעט.—אַ בעטלער מוז ער בלייבען. (אלע גיעבען זיך אוועק צו דער סאלאן טהיר צו מיט דער אבזיכט אנצופאנגען די ארבייט פון ברעכען און שטעכען)

בעקקער: (וועלכער לויפט פאראויס, דרעהט זיך אום, און האלט די איבעריגע אב) האַלט ברידער! אויסגעהערט, סטאָפּ! ווער׳ן מיר דאָ פֿאַרטיג, דאַן ערסט הויבען מיר אונזער עכטע שטיקעל אַרבייט אָן. פֿון דאַנען אויס נאָך בילאַו אַריבער,—דערנאָך צו דיטטריכען, וועלכער האָט די מעכאַנישע וועב־שטיהלען. דאָס גאַנצע עלענד שטאַמט פֿון די פֿאַבריקען נאָר..

דער אַלטער אַנזאָרגע: (קומט פון „הויז" העריין נאכדעם ווי ער האט עטליכע טריט געמאכט, בלייבט ער שטעהן, קוקט זיך מיט א בתמיה הערום, שאקעלט מיט׳ם קאפּ, גיט זיך אפּאַץ אין שטערן און זאגט) ווער בין איך? דער וועבער אַנטאָן אַנזאָרגע, איז ער משוגע געוואָרען אַנזאָרגע? אמת, מיט מיר דרעהט זיך אַלץ אי דער קאָפּ אי די שטוב ווי אַ קאַרעראַד אַרום. וואָס טהוט ער דאָ? עפּעס אַפֿרעהליכס וועט ער דאָ מאַכען. וואו איז ער דאָ אַנזאָרגע? (ער גיבט זיך נאך אמאל א פּאַץ אין שטערן) איך בין ניט ביי׳ם זינען. איך פֿאַרשטעה גאָרניש! איך קאַוויר פֿאַר קיין זאַך ניט מעהר אַוועק, אַוועק, רוצחים! קאָפּ אַוועק, פֿיס אַוועק, הענד אַוועק! נעהמסטו מיין הייזעל, נעהם איך דיין הייזעל. האָללאַ אַרויף טראָג יאָג! (ווארפט זיך מיט א וואיען אין זאל. די אלע איבעריגע—מיט אגעשריי און אגעלעכטער נאך איהם).

ענדע פֿון פיערטען אקט.

פינפטער אקט.

פערזאנען פון פינפטען אקט.

בעֶקקעֶר
מאָרִיטץ יעֶגעֶר
דעֶר אַלטעֶר בוימעֶרט
ווִיטטִיג
האָרנִיג
דעֶר אַלטעֶר הִילזעֶ וועבער
זיין פֿרוי
גאָטטלִיעב זיין זוהן
לואִיזעֶ די פֿרוי זיינע
מִיעלכעֶן זייער טאָכטער
שמִידט פֿעלדשער
יונגעֶ און אַלטעֶ וועֶבעֶר און וועֶבעֶר־פֿרויעֶן.

פינפטער אקט.

לאנגען-ביעלאו—דאס וועבער שטיבל פון אלטעם הילזע. לינקס אפענס-טערל, ביי וועלכעם עס שטעהט א וועב-שטוהל, רעכטס אבעט, האַרט דערביי א טיש. אין ווינקעל רעכטס דער אויוען מיט א באנק. ארום טיש אויפן קאנט בעט און האלצערנעם בענקעלע זיטצען: דער אלטער הילזע, זיין אלטע, בלינ-דע און כמעט טויבע פרוי, זיין זוהן גאטליעב מיט דער פרוי לואיזע אין זאגען דאס מארגען-געבעט. א שפול-ראד, מיט א וויקעל-ווינדע פאר פאדים שטעהען צווישען טיש און וועב-שטוהל. אונטער דער פארוויכערטער סטעליע איז אלער-האנד אלטע שפין-שפול און וועבער-כלים אונטערגעהאנגען. לאנגע מאטקעס פא-דים העגגען הערונטער. אלערליי אלטווארג איבעראל אין צימער ארום. דער זעהר ענגער, ניעדריגער און פלאכער צימער האט אטהיר אין דער הינטער וואנד, וועלכע פיהרט אין „הויז" אריין, אנטקעגען די טהיר פון „הויז" שטעהט נאך א טהיר אפען, דורך וועלכע עס זעהט זיך נאך אזא צימער, ווי דיעס, דאס „הויז" איז מיט שטיינער אויסברוקירט, דער טינק אבגעוואליעט, אנ'אלטע הילצערנע טרעפ פיהרט ארויף צום בוידעם-שטיבעל צו. עס זעהט זיך א טייל פון א בא-לייע אויף א ביינקעל שטעהענדיג, ארעמע צוריסענע וועש, קבצנישע הויז-ראט שטעהען, ליעגען פאנאנדער געווארפען, דאס ליכט שיינט הערײן פון לינקער זייט און בעלייכט אלע דריי פלעצער.

דעֶר אַלטעֶר הילזעֶ: (א בערדיגער, ברייט ביינערדיגער, אבער שוין פון אלטקייט, קראנקהייט, פון שווערער ביטערער פראצע איינגעבויגענער און דערשלאגענער מאן, אנ׳אויסגעדיענטער סאלדאט מיט איין האנד נאר, האט א שפיטציגען נאז, אבלייכען ערד-פארביגען פנים, ציטערענדיג, עס זעהט זיך נור הויט, ביינער און אדערן. איינגעפאלענע טיעפע צוואונדעטע כאראקטעריסטישע זעבער-אויגען. נאכדעם, ווי ער, דער זוהן און די שנור האבען זיך פון ארט אויפגעהויבען זאגט ער א תפלה):

דוּ ליעבעֶר גאָטט, מיר ווייסעֶן דיר גאָר ניט, ווי אַדאַנק אָבצוּגעֶבעֶן דאָס דוּ האָסט אוּנז אויך די נאַכט באַשיצט מיט דיין גנאָד אוּן חסד... אוּן האָסט דיך אויף אוּנז דעֶרבאַרעֶמט. דאָס דוּ האָסט אוּנז אויך די נאַכט געֶזוּנד אוּן גאַנץ איבעֶרגעֶלאָזעֶן. „גאָטט, דיין חסד גרויכט אַזוי וויט”, אוּן מיר אָרעֶמעֶ, בייזעֶ בעלי־עבירה׳ניקעֶס, זיינעֶן קיינמאָל ניט ווערטה, דאָס דעֶר זויל פוּן דיינעֶ פּים זאָל אוּנז טרעֶטעֶן אַפילוּ, אַזוי זינדיג אוּן פאַרדאָרבעֶן זיינעֶן מיר. אָבעֶר דוּ, ליבעֶר פּאָטעֶר, ווילסט אוּנז אָנזעֶהן אוּן אָנגעֶהמעֶן אוּנזעֶרעֶ תפלות צוּליעב דיין נאָמעֶן וועֶגעֶן אוּן צוּליעב יעֶנעֶ נשמות געֶלייטעֶרטעֶ, ריינעֶ, געֶפאַלעֶנעֶ פאַר דיר גרויסעֶר, אַלמעֶכטיגעֶר גאָטט! „דעֶם נביא׳ס בלוּט אוּן געֶרעֶכטיגקייט דאָס איז מיין ציערוּנג אוּן הדרת הכבוד” אוּן ווען מיר זיינעֶן אַ מאָל קליינמוּטהיג אוּן האָבעֶן אַ פתחון פה נעֶגעֶן דיין רוּטה, וואָס שטראָפּט אוּנז צוּ גוּטעֶן — ווען מיר זאָגעֶן, אַז דעֶר גיהנום, וואָס לייטעֶרט די נשמה אוּנזעֶרעֶ, צוּ גרויס איז עֶר — רעֶכ׳ן אוּנז דאָס ניט, זיי אוּנז מוחל, גיעב אוּנז געֶדוּלד, טאַטעֶ אין הימעֶל, דאָס מיר זאָלעֶן נאָך אַל אוּנזעֶרעֶ ליידעֶן דאָ, זוכה זיין זיך מתחלק צוּ זיין אין די לויטעֶרקייט פוּן דיין איבּיגעֶר שכינה, אָמן.

מוּטעֶר הילזעֶ: (וועלכע איז געשטאנען איינגעבויגען און זיך צוגעהערט וויינענדיג) אָה. אַלטעֶטשקעֶר וואָס פאַר אַ שיינהקייט דוּ זאָגסט דאָס, אַזעֶלכעֶ שעֶהנעֶ תפלות זאָגסטוּ אַלעֶ מאָל.

לוּאִיזעֶ: (שטעלט זיך צו דער באלייע. גאטליעב געהט אוועק אין אנטקעגענדיגען צימער).

דעֶר אַלטעֶר הילזעֶ: ווא איז דאָס מיידל אַהין געֶקוּמעֶן?

לוּאִיזעֶ: זי איז אין פעֶטטערס-וואַלדאַ צוּ דרייסיבעֶרן אַוועֶק. זי האָט נעֶכטעֶן אָבעֶנד וויעדעֶר אַפּאָר מאָטקעֶס אָנגעֶשפּוּלעֶוועֶט.

דעֶר אַלטעֶר הילזעֶ: (זעהר הויך) נאַ, מוּטעֶר, זאָל איך דיר דאָס רעֶדעֶל ברעֶנגעֶן?

מוּטעֶר הילזעֶ: ברייננ׳ס, אַלטעֶר, ברייננס.

דער אלטער הילזע (די שפול-רעדל אנטקעגען איהר אוועק שטעלענדיג) זעהסטו איך וואלטס גערן פון דיר אוועקגענומען...

מוטער הילזע: נעע... נעע... וואס וואלט איך גע־טאן מיט אזוי פיעל לעדיגע צייט!?

דער אלטער הילזע: גיעב, איך וועל דיר די פינגער אביסעל אבווישען, דו זאלסט דעם גארן ניט פעט מאכען,— הערסטע. (ער ווישט איהר מיט א סמאטקע די הענד אב).

לואיזע: (פון באלייע אוועק צו) וואו האבען מיר דען גע־געסען פעטס!?

דער אלטער הילזע: האבען מיר ניט קיין פעטס־עסען מיר טרוקען ברויט, האבען מיר קיין ברויט ניט־עסען מיר קארטאפלעס:-איז קיין קארטאפעל אויך ניטא־עסען מיר טרוקענע קייען.

לואיזע: (ביטער העזה׳דיג) און אז מיר האבען ניט קיין שווארצען מעהל, מאכען מיר, ווי וועגלער, וואס אונטען, מיר זובען אוים וואו דער שינדער האט א נפגרת׳ פערד פאר־גראבען, גראבען עס אוים, און לעבען אב איין וואך און נאך אוואך, זיך קארמענדיג מיט דער נבלה.-אזוי וועל׳ן מיהר טאן! ניט אמת?

גאטליעב: (פון דער הינטער צימער) וואס, סאראקע, קאר־קעסט דו דארטען!?

דער אלטער הילזע: דו וואלסט דיך מעהר היטען מיט דיין צונג אזוינע זינדיגע רייד צו ריידען! (ער געהט אוועק צום וועבשטוהל, רופט) ווילכט מיר ניט צוהעלפען, גאטליעב—מען דארף נאך עטליכע פעדים דורכציעהען.

לואיזע: פון די באלייע) גאטטליעב, געה העלף צו דעם טאטען (גאטליעב געהט הערייז, דער אלטער און דער זוהן נעהמען זיך צו דער נודנער ארבייט דורכן קאם אנציעהען די „אסנאווע״: פאדים פון די פאסען ווערן דורך די שפאלטען פון די קאמען געצויגען אין וועבשטוהל צו. זוי האבען נאר וואס אנגעפאנגען קומט הארניג אין „הויז״ אריין).

הארניג: (אין טהיר) א גאטט העלף ביי דר׳ארבייט.

דער אלטער הילזע מיט׳ן זוהן: א שעהן דאנק, הארניג! א זאג נאר כ׳לעבען, ווען שלאפסטו אייגענטליך?-ביי נאכט ביזטו אויף ווארטע?

הארניג: מיך נעהמט קיין שלאף ניט מעהר!...?

לואיזע: א גוט׳ן מארגען, הארניג!

דער אלטער הילזע: נו וואס ברענגסטו, גוטס?

ה א ר נ י ג: שעהנע נייעס, מייסטער, די פעטערש'וואל־דער וועבער האבען איינמאל פאר אלע מאל צום טייוועל ריזיקירט און האבען דעם פאבריקאנט דרייססיגער מיט זיין גאנצער פאמיליע אויפ'ן גאס הערויסגעיאגט.

ל ו א י ז ע: (קענטיג מיט אויפרעגונג) הארניג זאגט ווידער ליגען אין אמיטען העלען טאג אריין.

ה א ר נ י ג: דאס מאל גראד ניט, יונגס מיינס, דאס מאל ניט.—שעהנע קינדער־פארטוכלעך האב איך אין וועגעל. ניין, ניין, איך זאג אמת. זיי האבען איהם, ווי גאטט איז אמת, ארויסגעיאגט. נעכטען אבענד איז ער אין רייכענבאד געקומען, אויף גאטטס באראט! דארטען האט מען איהם אויך ניט געוואלט האלטען, פון מורא וועגען פאר די וועבער,—האט ער געמוזט פלוצלונג ווידער נאך שווייניץ אוועק.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע: (ער ציעהט פארזיכטיג פעדים פון מאטיק אויס און טראגט זיי נאהענט צום קאם צו, דורך וועלכען דער זוהן נעהמט זיי פון אנדערן זייט מיט א דראט־האטשיק דורך) שוין צייט אז דו זאלסט אויפהערען בעזים'ען מיט'ם צונג.

ה א ר נ י ג: זאל איך פון דעם ארט ניט דערלעבען אוועקצוגעהן, נו, נו, דאס ווייס דאך שוין כמעט יעדער מינדסט קינד דערפון.

ד ע ר א ל ט ע ר ה י ל ז ע: נו זאג, ווער פון אונז איז דא משוגע געווארען: איך, אדער דו?

ה א ר נ י ג: נו הייסט דאס, וואס איך האב דיר דער־צעהלט איז אזוי היילינג אמת, ווי אמת ס'איז אנ'אמן אין א תפלה. איך וואלט דאך ניט נעגאנגען דערצעהלען ווען איך וואלט דערביי נישט געשטאנען און מיט איינענע אויגען נישט נעזעהען. ווי איך זעה דיך גאטליעב אט דא, אזוי האב איך דאס געזעהען. חרוב ומוחרב געמאכט דעם פאבריקאנטס הויז, פון קעלער אונטען ביזן שפיטץ דאך הערויף. דורך די בוידעם־פענסטער האבען זיי פארצעליי געשליידערט — אלץ דאך העראב צו. וויפיעל הונדערט שטיקער בארכענט ליגען בלויז אין טייך אליין!? דאס וואסער האט זיך אזש פערהאל־טען, מאנסט גלויבען. און אז ס'האט פון איבער די ברעגעס הערויסגעריסען, איז עס געווען בלוי אזש בלוי פון די סמון אינדיגא, וואס זיי האבען דורך די פענסטער געשאטען. הי־מעל בלויע שטויבינגע־וואלקען האבען אין לופטען געזעטצט איינס נאכאנאנד. ניין, ניין. אגוטען חורבן האבען זיי דארטען אנגעמאכט און ניט נאר אין זיין וואהנונג... אין די פארבע־

ריי... אין די שפייכלערעס...! די טרעפ צוהאקט, די פאר־לאנעס אויפגעריסען—די שפיגלען צוטראסקעט—זאפהעס, שטו־לען אלץ צוריסען און צושליכען, צושניטען און צושמיסען, צוטראטען און צוהאקט.—צו אש און צו שטויב געמאכט!—מאנסט מיר גלויבען, ערגער ווי אויף א מלחמה.

דער אלטער הילזע: און דאס זיינען היגע וועבער וועסט געוועזן, זאגסט דו!? (ער שאקעלט פאמעלעך, אונגלויביג, מיט'ם קאפ. ביים טהיר האבען זיך נייגעריגע שכנים צוזאמען געקליעבען.)

הארניג: ווער דען? איך קאן יעדערן מיט'ם נאהמען אנרופען. איך האב דאך דעם לאנדראטה איבערן הויז גע־פיהרט. איך האב מיט אסך פון די וועבער גערעדט. זיי זיי־נען געוועזן גאנץ פריינדליך, ווי שטענדיג. זיי האבען זייערס בעטהאן געלאכען, אבער אבגעטהאן מיט א גרונד! דער לאנד־ראטה האט גערעדט מיט פיעל. זיי זיינען געוועזן אזוי אונ־טערטהעניג ווי אלע מאל. אבער אבהאלטען האבען זיי זיך ניט געלאזען. דאס בעסטע מעבעל האבען זיי אזוי צוהאקט, פונקט ווי מען וואלט זיי געצאהלט געבען דערפאר.

דער אלטער הילזע: און דו האכט דעם לאנד־ראטה איבערן הויז אומגעפיהרט?

הארניג: איך האב דאך ניט וואס מורא צו האבען. מיך קאן מען און איך קען אלעמען ווי א בייזען שילינגער. איך רייס מיט קיינעם ניט איין. איך בין דאך מיט אלעמען אין גוט ברידערשאפט. אזוי אמת, ווי מיין נאמען איז האר־ניג, ווי איך בין מיט איהם דורכגעגאנגען. און איהר מעגט זיך דארויף פארלאזען:—מיר האט דאס גוט דורכגענומען,—און דעם לאנדראטה, דאס האב איך גוט באמערקט, האט עס אויך גוט א נעהם געטהאן. ווארום, פארוואס? א פארע האט קיינער ניט הערויסגעלאזען פון מויל, אזוי שטיל איז דאס צוגעגאנגען. יום־טוב'דיג־פרעהליך איז איימיצען געווארען אויפן הארצען זעהענדיג, ווי די ארעמע הונגערלייַדער האבען א נקמה געהאט איין מאל פאר אלע מאל.

לואיזע: (זעצט ארויס, מיט א ציטערדיגער אויפרעגונג. רייבט מיט דעם פארטוך צוגלייך די אויגען) רעכט, גאנץ רעכט אזוי, ס'האט געמוזט קומען דערצו.

שטימען פון די שכנים: „דא איז אויך דא געווינ מענשען־שינדער"—„דא אנטקעגען וואהנט אויך איינער" „ער האט פערד איינגענע און זעקס קארעטען אין שטאל, און לאזט זיינע וועבער דאריבער הונגערן".

דער אַלטער הילזע: (עס לאזט זיך איהם נאך אלץ ניט גלויבען) ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט מיט אַמאָל אַרויסקומען, דאָרט ד'ריבער.

האָרניג: ווער ווייס וואָס? ווער קאָן וויסען!? איינער זאָגט אַזוי, דער אַנדערער אַזוי.

דער אַלטער הילזע: וואָס זאָגען זיי דען?

האָרניג: נו, גאָטט איז מיט דיר! דרייססיבער–זאָגט מען, זאָל האָבען געזאָגט:—די וועבער מעגען גראָז פרעסען, ווען זיי זיינען הונגעריג. מעהר ווייס איך גאָר ניט. (א בעוועגונג אונטער די שכנים, וועלכע געבען עס איינער דעם אנדערן איבער. אויפגערעגט פון כעס).

דער אַלטער הילזע: הער נאָר אויס האָרניג: דו קאָנסט מיר דהינו זאָגען: פעטער הילזע, מאָרגען וועסטו שטאַרבען. דאָס קאָן זעהר מעגליך זיין, וועל איך דיר ענטפערען—פאַר וואָס דען ניט? דו קאָנסט מיר זאָגען: מאָרגען, פעטער הילזע, קומט צו דיר מיט אַוויזיטע דער פריי'סישער קיסר.—אָבער אַז וועבער, מענשען, ווי איך און מיין זוהן,—זאָלען האָבען געטהאָן אַזוינע זאַכען, אויפן לעבען ניט! קיינמאָל אין דער וועלט וועל איך דאָס ניט גלויבען.

מיעלכען: (א זיעבען יאהריגעס, שעהנ' מיידעלע, מיט לאנגע פאנאנדער-געלאזענע פלאקסהאר, מיט א קאשיקעל אויפן ארם, שפרינגט הערייין, האלטענדיג א זילבערנע עס-לעפעל, דער מוטער אנטקעגען). מאַ-אַמעלע, מאַ-מעלע! זעה דאָך וואָס איך האָב! דו זאָלסט מיר אַקליידעל דערפאַר קויפען.

לואיזע: פון וואַנען פליעהסט דו אַזוי פערהאָרעוועט, קינד איינע (מיט אויפרעגונג און אנשטרענגונג אלץ מעהר און מעהר) וואָס האָסטו שוין ווידער געבראַכט צו שלעפען. דו ביזט נאָר אָהן אַנ'אָטהעם געקומען? און די שפולקעס זיינען נאָך אין קאָשיק געבליבען. וואָס זאָל דאָס הייסען אַזוינס, מיידעל?

דער אַלטער הילזע: מיידעל, פון וואַנען האָסטו דעם לעפעל?

לואיזע: ס'קאָן זיין, זי האָט'ס געפונען ערגעץ.

האָרניג: זיינע צוויי, דריי טהאָלער האָט ער גוט די ווערטה.

דער אַלטער הילזע: (אויסער זיך) אַרויס, מויד! אַרויס! די מינוט זאָל דיין פוס דאַ ניט זיין. וועסטו גלייך פאָלגען, אָדער איך זאָל זיך צו די ריטער נעהמען!? אָט דעם לעפעל

אָבגעטראָגען שוין, וואו דו האָסט איהם גענומען. אַרויס! ווילסט אונז אַלעמען מאַכען פאַר גנבים, האַ? וואַרט, איך וועל דיר פון זינען העראויס שלאָגען פרעמדע זאַכען צו שלעפען. (ער זוכט עפעס מיט וואס צו שלאגען).

מיעלכען: (אנכאפענדיג זיך מיט ביידע הענד אן דאס כוט ירס קלייד, וויינט) זיידעלע, שלאָג מיך ניט-מיר-האָבען-דאָך-גע-פונען, די שפיל... קינדער אַ-אַלע האָבען אַזוינע.

לואיזע: (אין אנגסטען און אנשטרענגונג הערויסזעטצענדיג די ווערטער) נו זעהסט דאָך, זי האָט'ס געפונען. וואו האָסטו דאָס געפונען.

מיעלכען: (שלוכצענדיג) אין פעטערש-וואַלדע האָבען-מיר-סגע-פו-נען. לעבען דרייססיכערש הויז.

דער אַלטער הילזע: נאָך דאָס איז מיר באַשעהרט. נו, נו אַביסעל ניכער. ריהר זיך, א ניט וועל איך דיר מוזען לעהרנען געהן.

מוטער הילזע: וואָס טהוט זיך ס'דאָרט?

האָרניג: איך וויל דיר עפעס זאָגען, פעטער הילזע. זאָל גאָטליעב אַרויסכאַפען זיך דעם ראָק, דעם לעפעל נעה-מען און אין פאָליציי אַוועקטראָגען.

דער אַלטער הילזע: טהו זיך אָן גאָטליעב!

גאָטליעב: (אין היילענעס זיך אנטאהנדיג, האסטיג) איך וועל אין קאַנצעליאַריע געהן און זיי זאָגען: זיי זאָלען קיין פאַראיבעל ניט האָבען. אַזאַ קינד, וואָס וויים אַזאַ, זי האָט דאָך קיין פערשטאַנד ניט אויף אַזוינע זאַכען. און אָט האָב איך דעם לעפעל געבראַכט. נו הער אויף צו קלאָגען, בעבעל (די מו-טער פיהרט דאס וויינענדיג קינד ארויס אין הינטער צימער, אין וועלכ'ס. פערשליסט די טהיר. זי אליין קומט צוריק).

האָרניג: די דריי זילבערנע טהאַלער איז ער גוט ווערטה

גאָטליעב: גיעב אַטיכעל, לואיזע, עס זאָל ניט קאַ-ליע ווערן. נעע, נעע, אַזאַ, טייערע זאַך. (עס שטעהט איהם טרערען אין די אויגען, ווען ער וויקעלט איין דעם לעפעל).

לואיזע: אַז מיר וואָלטען דאָס געהאַט, וואָלטען מיר ווי פיעל וואָכען געקאָנט אָבלעבען.

דער אַלטער הילזע: נו גיכער, גיכער, קלייב זיך גיכער, ווי דו קאָנסט נאָר גיכער! אויסגעקלערט אַביסעל. דאָס פעהלט מיר נאָך צום רומל. זעה מיר זאָלען וואָס גיכער פטור ווערן פון דעם פאַרשאָלטענעם לעפעל. (גאטליעב געהט אוועק מיט'ם לעפעל).

פֿעלדשער שמידט: (אקיילעכדיגער בייכיגער מענש׳ל, שנעל ווי אקוועק־זילבער מיט אווייניג—רויט לוסטיגעם פנים קומט הערײן) גוט מאָרגען, ליעבע לייט! נאַ אָט איז מיר שעהנע מעשׂות פֿיינע. נו, נו, איהר זאָלט זיך נאָר דערוועגען ביי מיר צו צוקומען (סטראשעט מיט׳ם פינגער) אָנגעדרייעלט גוט האָט איהר (אין דער טהיר, נאך ניט העריין קומענדיג אין צימער) גוט מאָרגען, פֿעטער הילזע! (צו א פרוי וואס אין פאדער־הויז) נו, שוועסטער, וואָס מאַכט דער רהעמאַטעם? בעסער האַ? אהאַ, זעהט איהר נאָר. און ביי דעם פֿעטער הילזע, וואָס? מען מוז דאָך אַבליק טאָן. וואָס ביי דיר טהוט זיך. נו אין שוואַרץ יאָהר, וואָס איז מיט דיר, מאַמעל איינס?

לואיזע: העך דאָקטער! די ריאה־אָדער׳ן איז איהר אין גאַנצען פֿאַרטריקענט געוואָרען, זי געהט גאָרניט.

פֿעלדשער שמידט: דאָס ווערט פֿון שטויב און וועבען ביים ליכט... נו, וואָס וועט איהר מיר אַזוינס זאָגען דאַרויף? גאַנץ פֿעטערשוואַלדאַו איז אויף די פֿיס. איך זעטץ מיך היינט אין דערפֿריה אין מיין וועגיל, קיין ביין קומט מיר אויפ׳ן זינען ניט אַרויף אַפֿילו, אָבער ממש ניט אַפֿילו, פלוצלונג וואונדער איבער וואונדער! וואָס פֿאַר אַרוח אין שוואַרץ בלוט בלעדיג יאָהר איז אין די מענשען אַריין, הילזע אַה? וויטהען—ווי אַ סטאַיע וועלף, בוגטעווען, ראַבעווען, גזלה׳נען און מאָרדעווען... מיעלכען! וואו איז מיעלכען אַהין נעקומען? (מיעלכען נאך רויט פון וויינען, ווערט פון דער מוטער הערײן געשטופט) נו, מיעלכען, גיעב נאָר אַטאַפּ אין מיין קעשענע—(מיעלכען טהוט עס) די לעקעכ׳לאַך איז דיינע; נאַ, נאַ, ניט אַלע מיט אַמאָל, קליין שעלמעטשקע, דו. אַפֿריהער געזונגען: „פּוקס, דו האָסט די... אַה? פּוקס דו האָבט די... גאַנג...!" וואַרט נאָר, וואָס האָסטו דאָרטען אָבגעטאָן, דו האָסט די באַראַבייטשיקעס פֿון פֿאַבטאָר׳ס פאַרקאָן שטענגעל—שייסער געריפֿען, האַ? און זיי האָבען גענומען אויף דעם אַמסירה דערלאַנגט צום הערע׳ן קאַנטאָר אַליין. נאַ, נו, זאָג נאָר, וואָס אַמענש איז, אָנדערהאַלבען טויזענד מענשען זיינען אויף די פֿיס (אקלינגעריי פון גלאקען אין דער וויט) הערט נאָר:—אין רייכענבאַך שטורמען אויך די גלאָקען. אָנדערטהאַלבען טויזענד מענשען. די וועלט לאָזט זיך אַראָב. ניט פֿרעהליך!

דער אַלטער הילזע: לאָזען זיי זיך טאַקע אַפּנים אין בילאַו הערּאָב מן הסתם.

פֿעלדשער שמידט: נו געװיס, געװיס. איך בין דורכגעפֿאָהרען דורכ'ן עולם גופֿא דורך און דורך. איך װאָלט, אַזױ גוט האָט זעך מיר געדאַכט,—העראָבגענאַנגען און יעדערן אַפּראָשעקיל פֿון די גוטע אײַנגעגעבען. עס שלאַמפּערט אײנער הינטער אַנאַנדער, אַזױ װי דער פֿינסטערער דלות, און מען זינגט מיט אַזינגער אַזױנס, אַזש ס'קעהרט די אינגעװײד אױס. אָט אָט כאַפּט מען ברעכען צום טויט. מײַן פֿריעדריך אױף די קאָזלעס האָט זיך װי אַנ'אַלטע יודענע געטרײַסעלט, מיר האָבען געמוזט גלײַך דעם ביטערן טראָפּען אַכאַפּ טהאָן. איך װאָלט קײַן פֿאַבריקאַנט ניט געװאָלט זײַן, װען איך זאָל אַפֿילו אױף גומענע רעדער קאָנען פֿאָהרען אַפֿילו (אזינגעריי אין דער װײט) האָרכט נאָר! פּונקט װי מען װאָלט מיט אַ בײַן איבער אַנ'אַל־טען צופּלאַצטען קעסעל געפּויקט. קינדער, עס געװעהרט ניט קײַן פֿינף מינוטען און מיר האָבען זײ דאָ. נו, אױף װידער־זעהן, ליעבע לײַט. איהר טהוט ניט קײַן נאַרישקײַטען. מילי־טער קומט באַלד, בלײַבט בײַם פֿערשטאַנד. די פּעטערש־װאַל־דער האָבען דעם פֿערשטאַנד פֿערלױרען (ס'הערט זיך אקלינגערײ אין דער נאהענט) גאָטט! הױבען שױן אונזערע גלאָקען אױך אָנ'עט. נו זײַנען די לײַט מן הסתם גאָר משוגע געװאָרען.

גאָטטליעב: (קומט צוריק מיט אפּגעכאפּטעם אטהעם נאך אין „הױז") איך האָב זײ געזעהן, איך האָב זײ געזעהן. זײ זײַנען דאָ, מ'המע, זײ זײַנען דאָ! (אין טהיר) זײ זײַנען דאָ, טאַטע, זײ זײַנען דאָ. זײ האַלטען באַנקעס, שטאַנגען, פֿלעקער מיט קראָ־קעס. זײ שטעהען שױן דאָרטען בײַם אױבערסטען דיטריכ'ן און מאַכען גװואַלדען דאַכט זיך דאָרטען. מען צאָהלט זײ דאַכציך דאָרטען געלד אױס.! אָה גאָטט! װאָס װעט נאָך דאָ װער'ן. אַשרעק צו זאָגען, אַזױ פֿיעל מענשען, נײַן, אַזױ פֿיעל מענ־שען. אַז זײ װעלען זיך נאָך צו לאָזען אַלע—אַה, איז אַפּוּף צו די יאָהרען פֿון אונזערע פֿאַבריקאַנטען.

דער אַלטער הילזע: װאָס ביזטו אַזױ געלױפֿען? דו װעסט אַזױ לאַנג לױפֿען, ביז דו װעכט זיך צו דײַן אַלטע קראַנקהײַט װידער אַמאָל דערלױפֿען, װײַטער ליעגען אױפֿ'ן רוקען און זיך דרעהען אין דרײַען.

גאָטטליעב: (האלב פֿריילאך, האלב אויפגערעגט) נו, איך האָב דאָך געמוזט לױפֿען. אַז ניט װאָלטען זײ דאָך מיך פֿאַר־האַלטען. זײ האָבען שױן אַזױ אױך געברומט אַלע, אַז איך זאָל אױך אַ האַנד צולעגען. מײַן טויף־פֿאָטער־בוימערט, איז דאָך אױך געװען דערבײַ. דער מאַכט צו מיר: נעהם דו אױך

אַפּינפֿראַשטענעם, דו ביזט דאָך אויך אַ פֿינסטערער הונגערלײַ־דער, ער האָט נאָך געזאָגט אַפֿילו זאָג׳ס דעם טאַטען... איך זאָל ס׳איהם זאָגען: טאַטע, דו זאָלסט קומען און העלפֿען די פֿאַבריקאַנטען פֿאַר זײַער הויט שינדען אָבצאָהלען, (ציהט מיט לײדענשאפט) ס׳קומען איצט אַנדערע צײַטען אָן, זאָגט ער. איצט װעט גאָר אַנ׳אַנדער זאַך זײַן בײַ אונזערע װעבער. מיר זאָלען אַלע קומען העלפֿען דורכפֿיהרען די זאַך, מיר װילען איצט אונזער האַלב פֿונטעל פֿלײַש אַלע זונטאָג האָבען, און אַשטיק׳ל פֿרישע װאורסט און קרויט אין אַ יום־טוב טאָג פֿון אַגאַנ׳ץ יאָהר. איצט װעט גאָר אַנ׳אַנדער לײַעגען זײַן, אַנ׳אַנדער פּנים אַלץ באַקומען, מאַכט ער צו מיר.

דער אַלטער הילזע: (אויפגעקאכט, נאָר איינגעהאלטען) און ער אַזוינער, דײַן טויף־פֿאָטער הײַסט עס!? ער הײַסט דיר אין אַזוינע גזלנ׳שע מעשים זיך הערײַנמישען. לאָז זיך אין אַזוינע זאַכען ניט הערײַן, גאָטליעב, דאָ האָט דער טײַװעל אַ יד אין שפּיעל. דאָ שפּילט דער טײַװעל, און די יענע טאַנצען.

לואיזע (פארכאפט פון א פלאמענדער אויפרעגונג, העפטיג) יעה, יעה, גאָטליעב, באַהאַלט זיך הינטערן אויװען. אין אַלאָך װאו נעהם אַ קאָכלעפֿעל אין האַנד, אַ שיסעל מיט מאָסלינקע אויפֿן קניה, טהו נאָך אַקלײדעל אָן, און הויב אָן תּחינות צו זאָגען װעסטו אַ גאָטטספֿאָרכטיגע קינד זײַן און אַטאַטען געפֿעלען. „אַ מאַן" װיל דאָס אַזוינער הײַסען, קוקט נאָר אָן!

(א געלעכטער צווישען די שכנים אין „הויז")

דער אַלטער הילזע: (ציטערענדיג פון פארשטיקטעם כעס). און דו װילסט אַנ׳אָרענטליך װײַב, הײַסען, העע? נו, לאָמיך דיך איינמאָל אָט װאָס זאָגען: דו װילסט אַ מאַמע זײַן מיט אַזאַ פֿאַרשאָלטענעם מויל. דו װילסט דײַן מעדעל גוטס לעהרנען, און העצט דײַן מאַן אויף גאָטט צו טרעטען און מענשען צו ראַבעװען. —

לואיזע: (אויסער זיך) פֿון אײַערע גאָטטספֿאָרכטיגע רײַדלאַך... דערפֿון איז מיר נאָך קײנמאָל קײַן קינד זאַט ניט געװאָרען. פֿון דעסטװעגען זײַנען אַלע פֿיער אין אינפֿלײַט און שמאַטעס געלעגען. דערפֿון איז נאָך קײַן איינציג טרוקען װינ־דעלע אַמאָל ניט געװאָרען. איך װיל זײַן אַמאַמע. יעה! דאָס זאָלט איהר װיסען און דערפֿאַר טאַקע, װײַסט דאָס, מעג זיך אַ מגפה און אַ העליש פֿײַער די פֿאַבריקאַנטען אין געמבע זיך אַרײַנכאַפּען, דאָס װינש איך זײַ, װײַל איך בין אַמאַמע!—װאו

קאָן מען דאָ אַזאַ קליין-ווערמיל—אַקינד דערהאַלטען? טרויער-קייט, אָנשטאָט נחת, טרערען אָנשטאָט ברויט-האָב איך געהאַט פֿון דער מינוט אָן צייט אַזאַ'ן עופֿה'לע איז אויף דער וועלט אַרויס, ביז לסוף דער טויט האָט זיך ניט דערבאַרמ'ט אויף איהם. אייך אַסך האָט צום טייוועל געאַרט, ניין? איהר האָט הודו'ס, הלליוה'ס געזונגען, און איך האָב ביזן בלוט מיינע פֿיס אָבגעשלאָגען, געלויפֿען לויפֿענדיג ערגיץ וואו, אַקאָפּ אונ-טער-מילך אויסבעטלען. ווי פֿיעל הונדערט נעכט האָב איך מיין קאָפּ צובראָכען קלערענדיג,—ווי, ווי רייסט מען חאָץ איין מאָל אַקינד פֿונ'ם טויט'ס הענד אַרויס. מיט וואָס האָט אַזאַ'ן עופֿה'לע, געזינדיגט אַה?—וואָס עס מוז אַזאַ ביטערן סוף האָבען.-און דאָרטען אַנטקעגען ביי דיטטריכען, ווער'ן זיי אין ווייגען געבאָדען, אין מילך אין קלאָרען געוואַשען, ניין, ניין! ווען היע הויבט זיך עפּעס וואָס אָן,—מיט צעהן פֿערד וועט איהר מיך ניט איינהאַלטען. און דאָס זאָג איך אייך: געהען זיי אויף דיטטריכס הייזער בין איך די ערסטע-און היטען זאָל זיך יענער, ווער עס וועט זיך מיר שטעלען אַנטקעגען-גענוג! כ'בין אריבער און אַריבער זאַט, פֿאַר מיר איז גענוג!

דער אַלטער הילזע: דו ביזט אַ פֿערפֿאַלענע, דיר איז שוין ניט צו העלפֿען.

לואָזע: (צוקאכט, אזש ווילד) אייך איז ניט צו העלפֿען. שמאַטעס זיינט איהר, שמאַטעס און ניט קיין מאַנסביל, נבזה'קעס-כראַקען אויף אייך איז ניט ווערטה. ברייות צוקראָכענע,—וואָס דערשרעקען זיך פֿאַר אַ קנאַק פֿון אַ המן-קלעפּעל. סטיבונעס, וואָס זאָגען דריי מאָל אַ דאַנק, אַז מען שלאָגט זיי איינמאָל אָן. אייך האָט מען אַזוי די בלוט פֿון די אָדערן אויסגעצוי-גען, אַז איהר קאָנט מעהר ניט רויט ווערען אַפֿילו. אַ בייטש דאַרף מען צו אייך נעהמען און אייך מאַרך הערייַן יאָגען אין אייערע פֿוילע ביינער אַריין.

(געהט האסטיג ארוי.

(פערלעגונגס פויזע)

מוטער הילזע: וואָס איז דאָרטען מיט ליז'לען געוואָרען?

דער אַלטער הילזע: גאָרניסט, מוטער'לע, וואָס זאָל דען זיין?

מוטער הילזע: זאָג נאָר, אַלטעטשקער, דוכט זיך מיר דאָס אויס, אָדער מען קלינגט טאַקי אין די גלאָקען.

דער אַלטער הילזע: מען בעגראָבט איימעצ'ן מן הסתם, מוטער.

מוטער הילזע: אוי מיט מיר וויל נאָך אַלין גאָר קיין סוף ניט נעהמען. פאַר וואָס שטאַרב איך דאָס ניט אַוועק, מיין מאַן?

(פויזע).

דער אַלטער הילזע: (לעגט די ארבייט אוועק, טעלט זיך אנידער, און זאגט פייערליך) גאָטליעב! — דיין ווייב האָט אונז אַזוינע זאַכען געזאָגט... גאָטליעב, גיעב נאָר אַקוק (ער דעקט אויף זיין ברוסט) דאָ טיעף איז אַקויל געזעסען אזוי גרויס ווי אַפינגערהוט, און וואו איך האָב מיין האַנד געלאָזען — דאָס ווייס דער קיסר דאָרטען... ניט די מייז האָבען מיר עס אָבגעגריזעט, (ער געהט הין און צוריק) דיין ווייב. פון איהר איז גאָך דאַמאָלסט קיין זכר ניט געוועזען, האָב איך שוין מיין בלוט מאָסען־ווייז פאַר דאָס פאָטערלאַנד געגאָסען. און דעריבער מעג זי פלוידערן ווי פיעל איהר האַרץ גלוסט, — דאָס אַרט מיך ניט — ס'איז אַפוסטען שאָס פולווער ניט ווערט. — מורא האָבען? איך? וועל מורא האָבען? פאַר וועמען, פאַר וואָס? זאָג נאָר מיר אַמאָל, אה? פאַר אַפאָר סאָלדאַטען, וואָס קאָנען אפשר אַראָבקומען נאָך די בונטאָוושטשיקעס נאָך. פתי איינער! הלואי איז דאָס! דאָס איז נאָך אַהאַלבע צרה, ניין, ניין, חאָץ דער רוקען ברעכט אַפילו. — נאָר ווען עס קומט יעה דערצו, האָב איך ביינער, ווי העלפאַנד־ביינער שטאַרקע. וואַף איך מיר נאָך אויף, נעהם מיך מיט די פאָר שמאַטעדיגע זעלנערלעך צונויף, און צוקוועטש זיי ווי... נו און ווען עס קומט גאָר שלעכט! ? — איז גערן, זעהר גערן געה איך אין די גוטע רוה אויף אויביג צו שטאַרבען לאָז איך מיר אודא, ניט לאַנג בעטען. בעסער היינט, איידער מאָרגען, ניין, ניין, ווי עס זאָל ניט זיין, וואָס פערליערט מען דאָ? דעם אַלטען אויסגעמאַטערטען שאַרבען וועט מען דאָך קיינמאָל ניט בעוויינען? דאָס ביסעל מאַטערנעם און פיין, דאָס וואָס מען רופט דאָ לעבען, דאָס איז אַנ'עברה צו לאָזען, וואָס? — נאָר נאָכדעם, גאָטליעב, נאָכדעם, וואַרט אונז יע עפּעס. און אַז מען זאָל דאָס אויך, ווי אין צוייבען פאַרשפילען — דאַן האָט מען גאָרנישט פאַר זיך.

גאָטליעב: ווער ווייס, וואָס דאָרטען, ווען דער מענש שטאַרבט? געקומען דערצעהלען איז נאָך קיינער ניט.

דער אלטער הילזע: איך זאָג דיר דאָס, גאָטליעב! צווייפעל ניט אין דאָס איינציגסטע, וואָס מיר אָרעמע מענשען האָבען, פאַר וואָס האָב איך דאָ אַלעבען מיין קאַרעק געבויגען, קאַטאָרגע פערציג בלוטיגע יאָהרען געאַרבייט, אויב ניט מעהר,

און רוהיג צוגעזעהן, ווי יענער אנטקעגנען אין גרויסקייט און רחבות לעבט—און שמידט גאלד פון מיין הונגער און נויט. פאר וואס דען? ווייל איך האב א האפענונג געהאט. אין אלע מיינע נויטען האב איך א האפענונג געהאט. אין אלע מיינע נויטען האב איך וואס! (ווייזט דורכן פענסטער) דו האסט דא דיין עולם הזה, איך דארטען-יענע וועלט: דאס האב איך זיך געדאכט. און מען מאג מיך פערטלען, בלייב איך ביי דאס מייניגע.— דאס האט מען אונז צוגעזאגט. א משפט איז פא-ראן, אבער ניט מיר זיינען די ריכטער, זונדערס: לי נקם ושלם—נקמה נעהמען און בעצאהלען וועל איך, אזוי זאגט גאטט, אונזער גאטט!

אשטים: (דורכ'ן פענסטער) וועבער, אויפן גאס!

דער אלטער הילזע: ניט מיין דאגה,—ווי איהר ווילט אזוי טהוט (ער זעצט זיך צום וועבשטוהל) מיך וועט איהר שוין מוזען דא לאזען.

גאטטליעב: (נאך א קורצעם קאמפף מיט זיך) איך וועל געהן און וועל ארבייטען. עס מעג זיין וואס עס וויל. (אב עס הערט זיך דאס וועבער-ליעד אין דער נאהענט פון וויפיעל הונדערטער שטימען געזונגען. דאס ליעד קלינגט ווי דעטפפע אליץ מיט איין געצוי-גענע קינות).

שטימען פון די הויז-בעוואהנער: (אין פארדער „הויז") „אליץ מעהר און מעהר, אה גאטט, זיי שיטען זיך ווי די מוראשקעס"—„פון וואנען האבען זיך אזוי פיעל ווע-בער גענומען?" „שטופ זיך ניט, איך וויל אויך זעהען"—„זעה נאר דער לאנגער, ווי א לאטע, וואס א פריהער!" „אך, אך שיטען זיך, ווי די זאמד!".

האָרניג: (געהט אונטער צו די מענשען, וואס אין „הויז") קוקט, אט איז איינמאל א טהעאטער! ניט אלע טאג זעהט מען אזוינס. איהר האט בעדארפט א געה טאן ארוף צום אויבערסטען דיטטריך. דארטען האבען זיי א שיין שטיקעל ארבעט אבגעטהאן, וואס איז כדי א קוק צו טהאן. ער האט שוין ניט קיין שטוב מעהר, קיין פאבריק מעהר, קיין ווינקעלער מעהר, קיין גארנישט מעהר. די פלאשען האבען זיי אויסגעזויפט אין מויל אריין... זיי האבען גאר קיין צייט ניט געהאט די פראבקעס ארויס צוציעהען. איינס, צוויי, דריי—אראב א קעפעל פון דאס ניי, ניט געקוקט צי זיי צו-שניידען זיך די מויל מיט די שערבלאך, צי ניט, אנדערע

לויפֿען אַרום צובלוטיגטע, ווי די חזירים.—נו ווּעלען זיי זיך צו דעם היגען דיטטריכען איצט נאָך נעהמען.

(ער געזאנג פֿון דער מאססע הערט אויף.)

שטימען פֿון די הויז־בעוואָהנער: זיי זעהען דאָך גאָר פֿון אָנבליק ניט אַזוי בייז אויס.

האָרניג: נו גוט, גוט! ווארט נאָר אַווײלע! איצט קו־קען זיי אויס, ווי זיך בעסער צו דער אַרבייט צו נעהמען. זעהט נאָר, ווי זיי בעקוקען דעם פּאַלאַץ פֿון אַלע זייטען. זעהט נאָר אָן דעם קליינעם, קורצען־גראָבען—ער האַלט אַן׳ עמער אין האַנד. דאָס איז דער שמיעד פֿון פּעטערשוואַלדע,—אַ גאר זשוואַווער מענש׳ל. האַקט די דיקסטע טהיר אַרויס מיט׳ן קוק,—אויף דעם מענט איהר בויען. פֿאַלט איהם אַ פֿאַבריקאַנט אין די ידים אַריין, איז שוים אַ גוטען טאָג צו יענעם, מיט די ביינער אין איינעם.

שטימען פֿון די הויז־בעוואָהנער: „באַן, אַט האָסטו!" „אַ שטיין איז אַריינגעפֿלויגען אין פֿענסטער!"—„נו האַפּט דער אַלטער דיטטריך די שרעקענעם איצט", „ער הענגט אַ טאַבליצע אַרויס"—„אַ טאַבליצע הענגט ער אַרויס?" „וואָס שטעהט דאַרויף, אה?" „קאָנסט ניט איבערלייענען?" „שעהן וואָלט איך אויסגעוויזען אַז איך וואָלט נאָך ניט געקאָנט לייע־נען אויך?" „נו לייען איבער!" „איהר—ווּעט—אַל—לע בעפֿריע—–דיגט ווערן, איהר—ווּעט—אַלע—בעפֿריעדיגט ווערן".

האָרניג: דאָס איז אַן׳אומזיסטע אַרבייט. העלפֿען ווּעט עס אַ האָר ניט. אונזערע ברידער האָבען איינענע קעפּ אויף די פּלייצעם. דאָ האָט מען אויף די פֿאַבריקע אַן׳אויג. די מאַ־שינען ווילען זיי פֿון דער וועלט אויסהאָבען. די דאָזיגע האָ־בען דאָך די האַנד־וועבעריי אין דר׳ערד געלעגט: דאָס זעהט דאָך קלאָר אַ בלינדער אַפֿילו. ניין, ניין! די לייט זיינען היינט איינמאָל אַוועק אין דער אַרבייט. די ווּעט קיין לאַנד־ראַטה און קיין פּאָליציי־פֿערוואַלטער קיין שכל ניט אַיינגעבען און אַ טאַבליצע אודאי און אַוודאי ניט. דער ווער ס׳האָט נעזעהן, ווי זיי בעל־הבית׳ען, דער ווייס אום וואָס די שפּיעל נעהט דאָ.

שטימען פֿון די הויז־בעוואָהנער: „מענשען, מענשען, אַן׳עולם מענשען זעהט!"—„וואָס פֿערלאַנגען זיי דען?" (האַסטיג)—„זיי געהען איבערן בריק אַריבער!?"—(מיט מורא) „זיי געהען אויף די זייט, וואָס צו אונז אַריבער"—(אין גרעסטער

איבערראשונג און שרעק) „צו אונז, זיי קומען צו אונז" „זיי שלעפּען די וועבער פון די הייזער אַרויס".

(אלע אנטלויפען. דאס „הויז" בלייבט פוסט. א מחנה אויפגעבונטע- וועטע, פארשמוצטע, בעשטויבטע, מיט רויטע געזיכטער פון שנאפּס און אויפ- רעגונג, וויסט און צופודעלט, אבגעריסענע, רייסען זיך אריין אין „הויז" מיט א גוואלד: „וועבער אַרויס", און צושפּרייטען זיך פון דארטען איבער די איבעריגע צימערן. אין צימער פון דעם אלטען הילזע קומען אריין: בעקקער און אייניגע יונגע וועבער מיט בולאוועס און דרענגער אין די הענד. ווען זיי דערקענען דעם אלטען הילזע גיעבען זיך פארמישט און אבגעקיהלט ווי א ציעה צוריק).

בעקקער: פּעטער הילזע, גענוג מיט דער האפּ-לאפּ פּראַצע. לאָז דאָס בענקעל אויסזיצען, ווער עס האָט חשק, איהר דאַרפט זיך מעהר ניט מאַטערן. עס וועט שוין געזאָרגט ווערן פאַר אייך.

ערסטער יונגער וועבער: איהר וועט שוין קיין טאָג ניט דאַרפען אַ הונגעריגער געהן שלאָפען.

צווייטער יונגער וועבער: דער וועבער וועט פון איצט אָן ווידער אַ דאַך איבערן קאָפּ, און אַ העמד אויפ'ן לייב האָבען.

דער אַלטער הילזע: פון וואַנען טראָגט אייך דער טייוועל מיט דרענגער און העק?

בעקקער: דאָס ווילען מיר פּרובען אין צוויי'ען צו-האַקען אויף דיטטריך'ס פּליי'צעס.

צווייטער יונגער וועבער: דאָס ווילען מיר גוט פאַנאַנדערגליעהען און די פאַבריקאַנטען אין „האָרלע" אַריינ-לאָזען. זאָלען זיי אַמאָל אַ פּערזוך געבען ווי הונגער ברענט.

דריטער יונגער וועבער: קומט מיט, פּעטער הילזע! „סלחתי כדבריך", זאָגען מיר זיי ניט!-זיי ווילען זעהן...

צווייטער יונגער וועבער: אויף אונז האָט קיי-נער קיין רחמנות ניט געהאַט. ניט גאָטט און ניט קיין מענ-שען. איצט נעהמען מיר זיך אַליין דאָס רעכט.

דער אַלטער בוימערט: (קומט אריין, שוין א ביסעל ניט שטארק אויף די פיס, האלט א געקוילעטען האהן אונטער'ן ארם, שטרעקט די ארעם'ס אויס). ברי-ידערלאַך—מיר זיינען אַלע ברידער! צום האַרצען צודריקען לאָמיך אייך, ברידער.

(געלעכטער).

דער אַלטער הילזע: אַ שעהנעם פּנים האָסט וויל-עלם, שעהן!

דער אַלטער וועבער: גוסטאַוו, דו! גוסטאַוו, בידנער הונגערליידער, קום אויף מיין האַרצען.

דער אַלטער הילזע: (ברומט) לאָז מיך צופֿריעדען.

דער אַלטער בוימערט: גוסטאַוו, אַזוי איז דאָס. גליק מוז דער מענש האָבען. גיעב אַ בליק אויף מיך, גוסטאַוו; ווי זעה איך אויס? גליק מוז דער מענש האָבען! זעה איך ניט אויס, ווי אַ גראַף? (ער פּאַטשעט זיך איבערן בויך) טרעף, וואָס דאָ אין בויך ליעגט? פּריצעשע מאַכלים ליגט אין דעם בויך. גליק מוז דער מענש האָבען, דאַן קריגט ער פֿון פֿויגעלמילך:—שלאַמפּאַניער און האָזען געבראָטענע.— —איך וויל אייך עפּעס וואָס זאָגען: מיר האָבען אַ נאַרישקייט אָבגעטאָן: מיר האָבען זיך אַגרעסערן טראַקטאַמענט באַדאַרפֿט מאַכען, ברידער.

אַלע: (איבערשלאגענדיג איינער דעם אנדערן) אַגרעסערן טראַקטאַמענט, גערעכט, הוראַה!

דער אַלטער בוימערט: און ווען מען שלינגט דעם ערסטען גוטען ביסען אַראָב, שפּירט מען דאָס טאַקי באַלד אין די ביינער.—הו-נאָט, דאַן קריגט מען ערסט פֿאָרשע,—אַ כח ווי אַנ׳אָקס. עס צושפּיעלט זיך דער כח אין אַלע גליעדער אַזוי, אַז דו ווייסט אַליין ניט ווי און וואו דו גיסט אַ בענטש. עך כח און קראַפֿט! עס לעבט און עס געהט, לעבענדיג איז דאָס.

יעגער: (אין טהיר בעוואפענט מיט אנ׳אלטען קאוואליערייסקען שווערד) מיר האָבען אַ פּאָר זעלטענע אַטאַקעס געמאַכט.

בעקקער: מיר האָבען שוין דעם עסק איצט אויסגעלערינט גאָר גוט. איינס, צוויי, דריי, און מיר זיינען שוין אין רעכטען מיט׳ן שטוב. און דאָרטען—פּלאַם פֿייער: ס׳ברענט אונטער די הענד. עס וויטערט און עס ציטערט—איין וואָרט! פֿונקען אַזש פֿליהען ווי פֿון אַ האָרנע!

ערסטער יונגער וועבער: מיר וואָלטען גאָר אַקליין בורא מאורי האש׳ל געמאַכט.

צווייטער יונגער וועבער: נאָך ריינבאַך—פֿון דאַנען, און מיר מאַכען די אַדונים דאָרטען: ליכטיג אין די אויגען און וואַרם אין קאָפּ.

יעגער. אַנ׳עסק אַ ליכטיגער. אָבער אַזוי פֿייערדיגע מטבעה וואָלטען זיי דאַמאָלסט פֿאַרן אָבברענען אָנגעשאַרט.

(געלעכטער)

בעקקער: פֿון דאַנען געהן מיר נאָך פֿרייבורג צו טראָמטראַן.

יעֶגעֶר: מיִר וואָלטען באַדאַרפֿט גאָר אַמאָל די „קנעֶפּלאַך" אין דער אַרבעֶט נעֶהמעֶן. אַט פֿון די בעֶאַמטעֶ אָט קומעֶן אונז אַלעֶ אומגליִקעֶן אָן, אַזוי האָב איִך געֶלייֶעֶנט.

צווייִטעֶר יונגעֶר וועֶבעֶר: מיִר ציִהעֶן באַלד נאָך ביעֶסלו. מיִר באַקומעֶן מעֶהר צו היִלף. דעֶר עולם וואַקסט אַלין און וואַקסט.

דעֶר אַלטעֶר בוימעֶרט (צו הילזען) נו ־קעֶהר אַקאָרכט אַריֵין, גוסטאַוו!

דעֶר אַלטעֶר היִלזעֶ: איך טריִנק קייֶנמאָל ניִט קיֵין שנאַפּס.

דעֶר אַלטעֶר בוימעֶרט: דאָס איִז געֶוועֶן אויף דעֶר אַלטעֶר וועֶלט, הייַנט זייַנעֶן מיִר אויף אַנ׳אַנדעֶר וועֶלט, גוסטאַוו.

עֶרסטעֶר יונגעֶר וועֶבעֶר: ניִט אַלעֶ טאָג איִז יום טוב.

(געלעכטער).

דעֶר אַלטעֶר היִלזעֶ: (אונגעדולדיג) שדיִם, וואָס וויִלט איהר דאָ פֿון מיִר האָבעֶן.

דעֶר אַלטעֶר בוימעֶרט: (אביסעֶל ניט ביי זיך, אבער ניט גאר זעהר פריינדליך) נו זעֶה נאָר, איִך האָב דיִר אָט אַ הענדל געֶבראַכט. דו זאָלסט דייַן אַלטעֶטשקעֶ אַביִסעֶל גוטעֶ זופּ אויסקאָכעֶן.

דעֶר אַלטעֶר היִלזעֶ: (פארוואונדערט האלב פריינדליך) געֶה און זאָג דאָס מייַן אַלטעֶר.

מוטעֶר היִלזעֶ: (האלט די האנד ביים אויער, האט אנגעשטרענגט זיך צוגעהערט, און ווערט זיך מיט די העֶנד אב) לאָזט מיִך צופֿריִעדעֶן, איִך דאַרף ניִט קיֵין היִנדעֶל־זופּ.

דעֶר אַלטעֶר היִלזעֶ: ביִזט געֶרעֶכט, אַלטעֶ. איִך דאַרף אויך ניִט, און אַזוינעֶ זופּ אַוודאַי ניִט, און דיִר בוימעֶרט דיִר וויִל איִך איין וואָרט זאָגעֶן: ווען אַלטעֶ הויבעֶן אָן צו פּלאַפּלעֶן ווי קלייֶנעֶ קיִנדעֶר טאַנצט דעֶר שטן פֿון שמחה קאָפּ־העֶראָב. און דאָס זאָלט איהר וויִסעֶן, דאָס זאָלט איהר אַלעֶ וויִסעֶן. איִך און איהר זייַנעֶן גאָר קייֶנעֶ מחותניִם ניִט. איִך האָב אייַך אַהעֶר ניִט געֶשיִקט רופֿעֶן, און איהר האָט דאָ על פּי רעֶכט און יושר גאָר ניִשט וואָס צו טאָן.

שטיִמעֶ: וועֶר עֶס איִז ניִט מיִט אונז,—דעֶר איִז געֶגעֶן אונז.

יעֶגעֶר: (ווילד סטראשענדיג) מעֶן האָט דיִך ניִט גלאַט געֶוויִקעֶלט—ביִזט צו פֿאַרקראָכעֶן... העֶר דו, אַלטעֶר, מיִר זייַנעֶן אַלעֶ קיֵין גנביִם ניִט, זיֵי וויִסעֶן

עֶרסטֶער יונגֶער ווֶעבֶער: מִיר ווִילֶען לֶעבֶען און ווײַטֶער נִישט. און דאַרִיבֶער האָבֶּען מִיר די שטרִיק אִיבֶערגֶעשנִיטֶען, אוֹיף ווֶעלכֶע מִיר הֶענגֶען.

יֶעגֶער: און אַזוֹי האָט בֶּעדאַרפֿט זײַן (דעם אלטען א פויסט פאר׳ם געזיכט האלטענדיג) זאָג נאָך אֵיין וואָרט טראָג אִיך דִיר מײַן בִינטעֶל פִֿינגֶער גלײַך אִין דײַן מִיטֶען צִיפֿעֶרבלאַט אַרײַן.

בֶּעקֶער: רוּהִיג, רוּהִיג זאָל זײַן, לאָז דֶעם אַלטֶען צוּ רוּה. פֿעֶטעֶר הִילזעֶ, מִיר קלֶערֶען אָט וואָס: בֶּעסֶער דֶעם טוֹידט, אֵיידֶער נאָך אַמאָל אַזאַ לֶעבֶען אָנצוּהוֹיבֶען.

דֶער אַלטֶער הִילזֶע: אִיך האָב דֶען מֶעהר זֶעכצִיג יאָהר נִיט אָבגֶעלֶעבט מִיט אַזאַן לֶעבֶען, וואָס?

בֶּעקקֶער: דאָס אִיז אַלץ אֵיינס, ס׳מוּז אַנדֶערש ווֶערֶן.

דֶער אַלטֶער הִילזֶע: קֵײנמאָל נִיט, אוֹיפֿ׳ן לֶעבֶענסטאָג נִיט.

בֶּעקקֶער: בֶּעקוּמֶען מִיר נִיט מִיט גוּטֶען, נֶעהמֶען מִיר מִיט גוואַלט.

דֶער אַלטֶער הִילזֶע: מִיט גוואַלט? (לאכט) טוּ לאָזט זִיךְ שוֹין דאָ בֶּעסֶער און באַלד בֶּעגראָבֶען. זײ ווֶעלֶען אײַך בֶּעווײַזֶען, וואָס גוואַלט הײסט. נוּ וואַרט אָקאָרסט, יוּנגֶער בוֹים.

יֶעגֶער: אַה, די סאָלדאַטֶען מײנט מֶען, וואָס? מִיר זײַנען אוֹיךְ גֶעווֶען סאָלדאַטֶען. מִיט עֶטלִיכֶע ראָטֶעס ווֶעלֶען מִיר זִיךְ נאָך אַנ׳עצה גֶעבֶען.

דֶער אַלטֶער הִילזֶע: מִיט׳ם מוֹיל־יעֶה, דאָס גלײב אִיךְ. און זאָל שוֹין זײַן גאָר, פֿאַריאָגט אִיהר צווײ ראָטֶעס, קוּמֶען צֶעהן אַנדֶערֶע אוֹיף זײַער אָרט ווִידֶער אָן.

שטִימֶען: (הורכן פענסטער). מִילִיטֶער גֶעהט, הִיט זִיךְ! (אלע ווערן פלוצלונג ווי פארשטומט. מען הערט איין כאמענט אטרומײטעריי און אשוואך פויקעריי אין באראבאנעם. אין מיטען דער שטילקייט רייסט זיך א קורצער, ניט ווילענדיגער געשריי ארויס): אִין שוואַרץ יאָהרֶען! אִיךְ מאַךְ פֿיס! (אנ׳אלגעמיינער געלעכטער).

בֶּעקקֶער: ווֶער רֶעדט דאָ פֿוּן אַנטלוֹיפֿעֶן? ווֶער אִיז דאָ גֶעווֶען?

יֶעגֶער: ווֶער האָט דאָ מוֹרא פֿאַר אַפּאָר שמאַטעֶדִיגֶע מֶעטאַל־הײַבלאַך? אִיךְ ווֶעל קאָמאַנדֶעווֶען. אִיךְ האָב אַלײן גֶעדִינט. אִיךְ פֿאַרשטעֶה אוֹיךְ די קונצֶען.

דֶער אַלטֶער הִילזֶע: מִיט וואָס ווֶעט אִיהר שִיסֶען, מִיט די בֶּעזִימֶער הֶע?

ערסטער יונגער וועבער: דען אַלטען באַלץ לאָזט צופריעדען, ביי איהם איז דער בוידעם ניט אין פאַראַנדעק.

צווייטער יונגער וועבער: אַביסעל איז שוין דער אַלטער ניט פאַר אונז געדאַכט געכאַפּט...

גאָטליעב: (איז אונבעמערקט אונטער די אויפגעבונטעוועטע אריין, כאפט אן דעם ריידער) אָט אַזוי קומט מען אַנ׳אַלטען מאַן אָן?

ערסטער יונגער וועבער: לאָז מיך צו רוה, איך האָב קיין שלעכטס ניט געמיינט.

דער אַלטער הילזע: (זיך אין א שלום הערייז לעגענדיג) זאָל ער לאַבערן, לאָז איהם צו רוה, גאָטליעב. ער וועט באַלד גוט איינזעהען, ווער איז היינט דאָ משוגע, איך אָדער ער.

בעקקער: דו געהסט מיט אונז, גאָטליעב:

דער אַלטער הילזע: דאָס וועט ער אַודאי ניט טאָן.

לואיזע (קומט אין הויז שרייט אריין) וואָס שטעהט מען? אומזיסטע דבורים פרעג וואָס? מיט אַזעלכע תהילים - זאָגער ברענגט די צייט נישט אויס. קומט אויפן פלאַטץ! אויפן פלאַטץ קומט, טויף-פאָטער בוימערט, ניבער, לויפט ווי איהר קאָנט, נאָר גיכער. דער מאיאר רעדט מיט׳ם עולם פון פערד אַרונטער צו... זיי זאָלען אַהיים געהן. ווען איהר קומט ניט די מינוט, האָבען מיר פאַרשפּילט.

יעגער: (ביים הערויסגעהן) דו האָסט אַ שעהנעם העלד אַמאַן.

לואיזע: וואו האָב איך אַ מאַן? איך האָב גאָר קיין מאַן ניט.

(אין „הויז" הערט זיך ווי איינינע זינגען)

אַ מאָל איז געווען אַ מאַן אַ מויז\
העע אַ—אוך יעה!...\
פאַרוואָלט האָט זיך איהם מיט אַ וויב גרויס\
די-דעל, דים, דים—חתונה האָבין.

דער אַלטער וויטטיג: (לאזט זיך אראב מיט אנ׳עמער אין האנד פון אויבערסטען שטאק הערעב צו, וויל ארויס געהן, בלייבט איין אויגענבליק אין „הויז" שטעהן) האַידאַ, נאָך מיר! ווער עס וויל קיין הינטיש-פּעל ניט בלייבען, הורראַה! (ער לויפט ארויס ווי א באַבע. אגרופע מענשען, צווישען זיי לואיזע און יעגער, לויפען איהם נאך מיט א הורא).

בעקקער: זײַט געזונד, פֿעטער הילזע, מיר וועלען זיך נאָך זעהן אַ מאָל.

דער אַלטער הילזע: שווערליך צו גלויבען. פֿינף יאָהר וועל איך מעהר ניט דערציהען. און פֿריהער געהסטו ניט אַרויס.

בעקקער: (בלייבט שטעהן פארוואונדערט) פֿון וואַנעט מיינט איהר, פֿעטער הילזע?

דער אַלטער הילזע: פֿון תּפֿיסה, פֿון וואַנעט דען?

בעקקער: (זעצט ארויס מיט א ווילדעם געלעכטער) דאָס וואָלט לאַנג מיך ניט אַרען, אָסור. דאָרטען קריגט מען האָץ ברויט צו זאַט, פֿעטער הילזע.

דער אַלטער בוימערט: (וועלכער איז אויף אקליין ביינ־קעל געזעסען אין אלאנגען שטומפיגען קלערען, שטעהט יעצט אויף) ס'איז אמת, גוסטאַוו, אַ קליין שתיה האָב איך געכאַפּט, יעה נאָר דער קאָפּ איך נאָך בײַ מיר אויף אַנ'אָרט פֿונדעסטוועגען. דו האַלסט זיך בײַ דאָס דײַניגע, וועגען דעם,— איך בײַ דאָס מײַניגע. איך זאָג בעקקער איז גערעכט. האָבען מיר אונזער סוף אין קייטען צו אין שטריק:—אין תּפֿיסה איז נאָך אַלץ בעסער ווי אין דערהיים. דאָרטען איז מען פֿאַרזאָרגט. דאָרטען דאַרף מען ניט דאַרען און קוואַרען. איך וואָלט אַליין ניט געוואָלט אפֿשר מיט מאַכען אַלץ אָט דאָס מיט זיי. אָבער זעה נאָר, גוסטאַוו, דער מענש מוז דאָך איין איינציג מאָל, אַני־אויגענבליק, אַמאָל אָבאָטהעמען פֿרײַ (לאנגזאם צום טהיר) זײַ געזונד, גוסטאַוו, און טרעפֿט זיך עפּעס וואָס, זאָג אַקאַפּיטעל תּהילים פֿאַר מיר אויך, הערשטע? (אב).

(פון דעם אויפשטאנד—עולם בלייבט מעהר קיינער ניט אויף דער סצע־נע איבער. דאס „הויז" ווערט בּיסלעכוויז ווידער מיט נייגעריגע שכנים פול. דער אלטער הילזע בינדט, צ'יעהט ווידער „אנ'אסנאווע אויפ'ן וועבשטוהל אן. גאטטליעב שלעפּט די האק פון הינטער'ם אויווען הערויס און פרובט בע־וואוסטלאז דעם שארף. ביידע דער אלטער און גאטטליעב זיינען ווי שטום, אבער אויפגערעגט. פון דרויסען טראגט זיך דאס גערויש און ברומען פון אגרויסען המון מענשען).

מוטער הילזע: זאָג נאָר מײַן מאַן,—די בריקע ציטערט דאָך אַזוי שטאַרק—וואָס טהוט זיך דאָ? וואָס געשעהט דאָ אַזוינס?

(פּאוזע)

דער אַלטער הילזע: גאָטטליעב!

גאָטטליעב: וואָס ווילסטו?

דער אַלטער הילזע: לעג נאָר די האַק אַוועק.

גאָטטליעב: װער װעט דען האָלץ קלײנע אָנהאַקען?
(ער שפּאַרט די האַק צום אױװען צו).

מוטער הילזע: גאָטטליעב, דו הער דאָך װאָס דער טאַטע זאָגט דיר.

אַ שטים: (בײם פענסטער זינגט) דו, נפֿש קלײנער, בלײַב ב׳דערהײם, העַאַכט שי!.. מאַך די שיסעל, טעלער רײן, דידעל דידעל, דים דאַם (פאַרבײ).

גאָטטליעב: (שפּרינגט צו װי אַנ׳אַגעצונדענער צום פענסטער, טרײסעלט מיט׳ם פױסט אין לופטען און שרײט) גנבזהק, מאַך מיר ניט װילד!
(עס קנאַלט אַ שיסערײ אױס).

מוטער הילזע: (פאַרציטערט צוזאַמענגעקנײטשט) אָה, גאָטט, אַ דונער װידער צו װאָס!?

דער אַלטער הילזע: (פאַרלעגט די הענד ניט װילענדיג) ליעבער גאָטט אין הימעל! באַשיץ די אָרעמע װעבער, באַשירמע מײַנע אָרעמע ברידער!
(עס װערט שטיל אױף אַ װײַלע).

דער אַלטער הילזע: (פאַר זיך זעהר צורודערט) איצט גיסט זיך בלוט.

גאָטטליעב: (איז אין דעם זעלביגען מאָמענט װי די שיסערײ האָט אױסגעקנאַלט אױפגעשפּרונגען, געכאַפּט די האַק פעסט בײם גריף אין האַנד העריין בײטענדיג זיך אים געזיכט קוים זיך בעהערשענד פון טיעפער אינעװײניגסטער אױפרעגונג) נו, זאָל מען זיך נאָך אפשר איצט אױך קושען?

אַ װעבער מײדעל: (פון „חויז" אין צימער אַרײן, שרײט) פּעטער הילזע, אַה, פּעטער הילזע! טרעט אָב פון פענסטער! בײַ אונז אױבען אין שטיבעל איז אַקויל דורכ׳ן פענסטער אַרײַן געפלױגען (פערשװינדט).

מיעלכען: (שטעקט לאַכענדיג דעם קאָפּ אין פענסטער אַרײן) זײדעלע, זײדעלע, זײ האָבען געשאָסען מיט ביקסען. אַ פּאָר זײַנען אַנידער געפאַלען, אײנער האָט זיך װי אַבײגעל געדרעהט װי אַרעדעל אַרום און אַרום, אײנער האָט זיך געצאַפּעלט װי אַ באַרעביטשיק, װען מען דרעהט איהם דעם קעפּעל אַראָב, אַך, אַך, אַזױ פיעל בלוט האָט גערונען... (זי פאַרשװינדט).

אַ װעבער־פרױ: אַ פּאָר האָבען זײ געפּטר׳ט אױף טױדט.

אַנ׳אַלטער װעבער: (אין „חויז") קוקט נאָר מיט אױגען, זײ װעלען באַלד די סאָלדאַטען אױך דערלאַנגען.

אַ צװײטער װעבער: (אױסער זיך) נײן, נײן, ניט נאָר אַקוק אױף די װײַבער, די װײַבער זעהט נאָר! װי זײ האַל-

טעֶן הויך די קליידלאַך, און אָט כראַקעֶן זיי די סאָלדאַטעֶן אין די צורות אָן.

אַ װעֶבעֶר פראָי: (שרייט הערײַן) גאָטטליעב, גיעב נאָר אַ קוק אויף דיין װײַב, אַ ביסעֶל מעֶהר העֶלד פון דיר, זי שפּרינגט העֶרום די ביקסעֶן, פּונקט װי צום טאַנץ װאָלט זי דאָ געֶהן.

(פיער מענער טראגען א פארוואונדעטען דורכ׳ן „הויז" דורך. ס׳ווערט שטיל. מען הערט דייטליך א שטימע זאגען „דאָס איז אַ װעֶבעֶר פון אולריק").

די שטימעֶ: (נאך איינינע סעקונדען וויעדער) כ׳איז אוים יום־טוב מיט איהם. עֶר האָט אַ קויל אין רעֶכטעֶן אויעֶר געֶכאַפּט (עס הערט זיך ווי די מענער געהען אויף די טרעפּ הערויף. אין דרויסען פלוצלונג) ה־ו־ר־ר־אַה, ה־ו־ר־ר־אַה!

שטימעֶן אין הויז: „װאו האָבעֶן זיי די שטיינעֶר געֶקראָגעֶן"? „נו, איצט מאַך די פליטה װעֶר עֶס קאָן!" „פון נייעֶם שאָסעֶע". „אַה׳נו־נו־ו־טעֶן די סאָלדאַטעֶן א־ו־הו־ו". „נו, אַ האָגעֶל פון שטיינעֶר!" (אין דרויסען פארשפרייט זיך ווילדע רייסענדע קולות פון שרעק און א ברילֿערײ אזש ביז טהיר צו. מיט א פחד־געשריי ווערט די טהיר פארהאקט).

שטימעֶן אין הויז: „זיי לאָדעֶן װיעֶדעֶר די ביקסעֶן" „זיי װעֶלעֶן באַלד װיעֶדעֶר שיסעֶן" „פּעֶטעֶר הילזעֶ, געֶהט אַװעֶק פון פעֶנסטעֶר".

גאָטטליעב הילזעֶ: (גיעבט זיך א װארף נאך די האק) װאָס, װאָס, װאָס זיינעֶן מיר? הינט משוגעֶנעֶ, װאָס?! זאָלעֶן מיר פּולװעֶר און בליי אָנשטאָט ברויט פרעֶסעֶן, האַ? (מיט דער האק אין דער האנד, א מאמענט בלייבענדיג שטעהן צום אלטען) זאָל מיין װײַב אויף מיינעֶ אויגעֶן דעֶרשאָסעֶן װעֶרן? דאָס װעֶט ניט זיין, קיינמאָל ניט! (הערויס לויפענדיג) היט זיך, איצט קום איך אָן!

דעֶר אַלטעֶר הילזעֶ: גאָטטליעב, גאָטטליעב!

מוטעֶר הילזעֶ: װאו איז דעֶן גאָטטליעב?

דעֶר אַלטעֶר הילזעֶ: ביים שװאַרץ יאָהר איז עֶר.

שטימעֶן פון הויז: טרעֶט אָב פון פעֶנסטעֶר, פּעֶטעֶר הילזעֶ.

דעֶר אַלטעֶר הילזעֶ: איך ניט! און װעֶן איהר זאָלט דאָרטעֶן אַלעֶ פון מוח אַראָב. (צו מוטער הילזע מיט התלהבות) דאָ האָט מיך דעֶר טאַטעֶ פון הימעֶל אַװעֶק געֶשטעֶלט. ניט אמת, מוטעֶר? דאָ בלייבעֶן מיר שטעֶהן, און טהועֶן װאָס אונזעֶר חוב איז,—ס׳מעֶג זיך די גאַנצעֶ װעֶלט איבעֶר קעֶהרעֶן, אַפילו! (ער פאנגט אן צו וועבען).

עס דערלאנגט א זאלפ. אויף טוידט געטראפען, גיעבט זיך דער אלטער הילזע א הויב אויף און פאלט מיט'ם פנים ארויף אויפ'ן וועבשטוהל. צוגלייך גיעבט א הילך א שטארקער הירראה! מיט א הורראה דערלאנגט זיך דער עולם, וואס איז ביז אהער אין הויז געשטאנען, א שליידער אויפן גאס ארויס. די אלטע הילזע פרעגט עטלעכע מאל איבער: פָּאטעֶר'לעֶ, פָּאטעֶר, וואָס אִיז מִיט דִיר, אַה?

מִיעלכעֶן: זײַדעֶלעֶ, זײַדעֶלעֶ, זײַדעֶלעֶ, זײַ טרײַבעֶן דִי סאָלדאַטעֶן פֿוּן דאָרף אַרוֹיס; זײַ האָבעֶן דִיטטרִיכס הוֹיז געֶשטוּרמט און מאַכעֶן דִי זעֶלבִיגעֶ, ווִי אַנטקעֶגעֶן בײַ דרײַכ-סִיגעֶרן, זײַדעֶלעֶ! (דאס קינד דערשרעקט זיך, ווערט אויפמערקזאם, שטעקט דעם פינגער אין מויל אריין און געהט פארזיכטיג צו צום טוידטען) זײַדעֶלעֶ!?

מוּטעֶר הִילזעֶ: נו, אַלטעֶר, זעֶה זשעֶ, רײַד, עֶנטפֿעֶר האָץ אַ וואָרט. עֶס קאָן דאָך אוֹיף אַנ'אמת'ן אוֹיסגעֶהן דִי כחות פֿאַר שרעֶק.

ענדע.

דאס וועבער ליער ווערט געזונגען מיט דער מעלאדיע פון „עס ליעגט איין שלאסס ביי עסטרייך".

פערצייכניס פון אלע פערזאנען

דרײססינגער אַ באַרכענט-פֿאַבריקאַנט

פֿרױ דרײססינגער

פפײפֿער, עקספּעדיטאָר

נאַומאַן, קאַססיר

דער לעהרלינג

דער קוטשער יאָהאַן

אַ הויז-מײדעל

ווײנהאָלד, הויז-לעהרער

(בײ דרײססינגערן)

בײ דרײססיגערס זוהן

פּאַסטאָר קיטטעלהויז

פֿרױ פּאַסטאָר קיטטעלהויז

הײדע, פּאָליצײ-פֿערוואַלטער

קוטשע, זשאַנדאַרם

וועלצעל, קרעטשמער

פֿרױ וועלצעל

אַננאַ וועלצעל

ווײגאַנד, אַ סטאָליער

אַ רײזענדער

אַ פּויער

אַ וואַלד-אויפֿזעהער

שמידט, אַ פֿעלדשער

האָרניג, אַ בעטלער, קלײבט שמאַטעס

דער אַלטער וויטטיג אַ שמיעד

II.

וועבער

בעֶקקעֶר
מאָרִיטץ יעֶגעֶ,
דעֶר אַלטעֶר בוימעֶרט
מוטעֶר בוימעֶרט
בעֶרטהאַ } בוימערט
עֶממאַ }
פֿרִיטץ, עממעֶס זוהן (פיער יאהר אלט)
אוגוסט בוימעֶרט
דעֶר אַלטעֶר אַנזאָרגעֶ
פֿרוי הֵינֶרִיך
דעֶר אַלטעֶר הִילזעֶ
פֿרוי הִילזעֶ
גאָטטלִיעב הִילזעֶ
לואִיזעֶ, גאָטטלִיעבס פֿרוי
מִיעלכעֶן, אַטאָכטער זיינעֶ (זעקס יאהר אלט)
רִיִמאַן
הִיִבעֶר
אַוועֶבעֶר-פֿרוי
אַגרויסעֶ מעֶנגעֶ יונגעֶ און אַלטעֶ וועֶבעֶר און
וועֶבעֶר-פֿרויעֶן.

די בעגעבענהייטען פון דיזעֶר דראמא קומען פאר אין די פיערציגער יאהרען אין קאשבאך אין די איילענשע געֶ-בערג, און אזוי אויך אין פעטערסוואלדאו, לאנגען בילאו וואס ליעגט ביים רעכטען טהאל פון די איילענשע געבערג.

	קאפ	סענט	פעני	פפענניג	מארקס
2) א. ה. די סאָציאַליסטישע פראַקציאָן אין ציוניזמוס···	12	10	6	48	60
2) פּאַל לאַפאַרג. ערינערונגען יוגנד קאַרל מאַרקס··	6	5	3	24	30
25) דיקשטיין . פון וואָס איינער לעבט ············	6	5	3	24	30
26) מ. טערמאַן. רעליגיאָן און קלאַסען-געגענזאַטצען······	15	12	7½	60	75
27) ק. קאוטסקי. אויף מאָרגען נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.	20	15	10	80	1—
28) ב. האָפמאַנן . פרויען-האַנדעל און פראָסטיטוציע···	7	6	3½	28	35
29) ק. קאוטסקי. קלאַסען אינטערעסען··········	7	6	3½	28	35
30) י. פראַנקאָ. דער ביזדושעט ביי די חיות ········	2	2	1	8	10
31) א. טהון. די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוסלאַנד. אין 2 טיילען, יעדע טייל	30	20	15	120	150
32) ד. פינסקי . אין משוגעים הויז (מאָנאָלאָג) .	5	3	1½	12	15
33) ק. צעטקין . די פרוי און איהר עקאָנאָמישע לאַגע	10	8	5	40	50
34) פ. ראָל . די ראָליע פון לומפען-פראָלעטאַריאַט אין די רעוואָלוציעס ····················	3	3	1½	12	15
35) א. מאַקסימאָוו. ז. קאַצענשטיין. } וועגען אַנאַרכיזם (2 ארטיקלען)	9	7	4½	36	45
36) ה. קונאָוו . די גרונד-געדאַנקען פון אַנאַרכיזם·····	5	5	2½	20	25
37) לנו . די שכירות ··················	15	12	7½	60	75
38) די פרייע האַרפע . א זאַמעלבוך פון ליעדער ···	25	20	12½	100	125
39) א. נעמאַנסקי . די פראָפעסיאָנעלע פעראיינען און זייערע אויפגאַבען .	15	12	7½	60	75
40) יושקעוויטש . דער הונגער . איבערזעצט פון אַלגין.	25	20	12½	100	125
41) באַנאַליעפּאָוו . מלחמות און פינאַנסען . איבערזעצט פון רוסיש ················	8	8	4	32	40
42) *.. פויערים-בעפרייאונג················	10	8	5	40	50
43) מאַקסים גאָרקי . דריי נייע סקיצען ·······	5	5	2½	20	25
44) גערמאַנוס אויגוסט בעבעל················	5	5	2½	20	25
45) הויפּטמאַן . די וועבער················	15	15	7½	60	75
46) ד. סיעדאַי . די ארבייטער בעוועגונג אין ענגלאַנד	30	30	15	120	150
47) *** צו דער פעראייניגונגס פראַגע···········	15	15	7½	60	75

	קאפ	פענ	[illegible]	[illegible]	סאנטים
48) גָעד און לַאפַארג . דער עיקר פון סאָציאַליזם .	6	6	3	24	75
49) וו. מעדעם . די נאַציאָנאלע פראַגע און סאָציאַל-דעמאָקראַטיע	12	2	6	48	60
50) ס. אַנסקי . דער פאָטער און דער זוהן	5	5	2½	20	25
51) ראַפּעס . די אונבעריהרבארקייט פון פערזאָן א.ז.וו.	10	10	5	40	50
52) ג. גאַרין . דאָס ביכעל פון גליק.	2	2	1	8	10
53) אָלְגין . געלעבט-געקעמפפט (שטריכען)	3	3	1	12	15

די אלע דערמאהנטע ביכער זיינען מיט נקודות.

בעשטעלונגס-בעדינגונגען :

ביי בעשטעלונגען דירעקט פון פערלאג „די וועלט", נישט ווענינער ווי פאר 2 רובל צאהלט מען נישט פאר פארטא .

בוכהענדלער, וואס שרייבען אוים דירעקט פון פערלאג „די וועלט", נישט ווענינער ווי פאר 5 רובל, בעקומען 20% ראבאט און פארטא פריי. ביי בעשטעלונגען נישט ווענינער ווי פאר 25 רובל, בעקומען זיי 25% ראבאט, און פראכט פער באהן פריי די בעשטעלונגען ווערען אויסגעפיהרט נור פיר קאססא, אויך פער נאכנאהמע ביי האנדגעלד .

די אדרעסע פון פערלאג „די וועלט" :

Книгоиздательство „ДИ ВЕЛТЪ", Вильна.

Verlag „DIE WELT", Wilna. (Russland)